STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11643

KLEYNE MENSHELEKH

Jonathan Swift

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די

קליינע מענשעלעך

דא ווערט בעשריעבען די רייזע פון דעם בעריהמטען גוליווער
אונטער מענשעלעך אזוי קליין ווי אונזער פינגער.

— פון —

יאנאטהאן סוויפט

פריי איבערזעצט אויס דעם ענגלישען פון

ד. מ. הערמאלין

היברו פּאַבלישינג קאמפּאני

50-52 עלדרידזש סטריט, ניו־יאָרק.

HEBREW PUBLISHING COMPANY

50-52 Eldridge St., New York.

1925

דיא קליינע מענשעלעך.

קאפיטעל 1.

דער פערפאַסער גיבט אָב אַ בעריכט איבער זיין אייגענער פערזאָן. — זיין ערשטע נייגונג צום רייזען. — דיא שיף ווערט צערבראָכען אונד ער שווימט אַרויס אונד רעטעט זיין לעבען. — ער גרייכט דעם ברעג אונד קומט אָן אין ליליפוט לאַנד. — ער ווערט געפאַנגען אונד אַוועק געפיהרט.

מיין פאטער האט געהאט א גוט אין נאָטטינגהעמשייר (ענגלאנד); איך בין געוועזן דער דריטער פון זיינע 5 זיהן. ער האט מיך אוועק געשיקט לערנען אין עמאנועל גימנאזיום פון קעמברידזש, ווען איך בין אלט געוועזן 15 יאָהר. דאָרט בין איך פערבליעבען 3 יאָהר אונד איך האב פלייסיג שטודירט. אָבער ניט קענענדיג מיך אויסהאלטען אלס סטודענט, בין איך אנגעשטעלט געוואָרען בייא א געוויסען הערר דזשיימס בייטז, א בעריהמטער לאָנדאָנער דאָקטאָר, אונד איך בין דאָרט פערבליעבען דרייא יאָהר. מיין פאטער פלעגט מיר אונטערדעסען צו שיקען קליינע סומען געלד, אונד איך האב דאס פערווענדעט אום צו שטודירען דיא קונסט פון פאָהרען אויפ'ן ים וויא אויך חכמת־החשבון וואס איז נעטהיג צו אזא פאך. איך האב מיר אימער פאָרגעשטעלט, אז עס וועט קומען א צייט, ווען איך וועל דאס אלעס בענעטהיגען צו וויסען.

ווען איך בין ארויס פון הערר בייטז, בין איך אוועק צוריק צו מיין פאטער. ער אונד מיין אָנקעל דזשאָהן וויא אויך אונזערע קרובים, האבען מיר געגעבען 40 פונט שטערלינג, אונד מיר פערשפּראָכען נאך 30 פונט א יאָהר ווען איך וועל

שטודירען אין ליידען. איך בין אוועק געפאָהרען נאך ליידען, וואו איך האב גע־שטודירט פיזיק 2 יאָהר מיט 7 מאָנאט, אימער רעבענענדיג, אז דיעזע וויסענשאפט וועט מיר נעטהיג זיין אויף מיינע רייזען.

נאכדעם וויא האב צוריק געקעהרט פון ליידען, האט מיך מיין אלטער בעל־הבית, הערר בייטז, רעקאָמענדירט אלס דאָקטאָר פיר דער שיף „סוואלאָו,” וואו קאפיטאן אברהם פאננעל איז געווען קאָמאנדאנט. מיט דיעזער שיף בין איך ארום געפאָהרען 3 יאָהר, רייזענדיג נאך לעוואנט אונד אנדערע געגענדען. ווען איך בין צוריק געקומען, האב איך בעשלאָסען מיך צו בעזעטצען אין לאָנדאָן. הערר בייטז, מיין אלטער בעל־הבית, האט מיך אויך דערצו געראטהען, אונד דורך איהם בין איך רעקאָמענדירט געוואָרען צו עטליכע פאציענטען.

איך האב געדונגען א טהייל פון א הויז אין דער אָלד דזשיורי גאס. נאכדעם וויא מען האט מיך געראטהען איך זאָל גענצליך פערענדערן מיין צושטאנד, האב איך חתונה געהאט מיט פרייליין מיירי באָירטאָן, דיא צווייטע טאָכטער פון הערר עדמונד באָירטאָן, א קויפמאן פון דער ניו גייט שטראסע. צו דער חתונה האב איך געקריעגען א נדן פון 400 פונט שטערלינג.

אָבער מיין גוטער בעל־הבית בייטז איז מיט 2 יאָהר שפעטער געשטאָרבען, אונד איך, ניט האבענדיג קיין סך פריינד, האט עס מיר אָנגעהויבען צו געהען ניט אמבעסטען אין דיא געשעפטען. איך מוז דאָ מודה זיין, אז מיין געוויסען האט מיר ניט ערלויבט נאכצוטהון דיא אנדערע דאָקטוירים, וועלכע האבען געשווינדעלט אונד גענארט. נאכדעם וויא איך האב מיך בעראטהען מיט מיין פרוי אונד מיט מיינע בעקאנטע, האב איך בעשלאָסען ווידער צו רייזען אויף'ן ים.

איך בין געווען ארצט אויף 2 שיפען אונד געמאכט מעהרערע רייזען וועהרענד א צייט פון 6 יאָהר. איך בין געפאָהרען נאך דיא אָסט אונד וועסט אינדיעס, אונד איך האב דאדורך אביסעל פערגרעסערט מיין פערמעגען.

מיינע לעערע שטונדען, פלעג איך פערברענגען אין לעזען דיא ביכער פון דיא בעסטע פערפאסערס פון אלטע אונד נייע צייטען, ווייל איך האב אימער מיט מיר געפיהרט א סך ביכער. זייענדיג אויף דער יבשה, האב איך געשטודירט דאס לעבען פון דיא מענשען אונטער וועלכע איך בין געקומען אונד אויך געלערענט זייערע שפראכען. צו שפראכען האב איך איבערהויפט געהאט גרויסע פעהיגקייטען, ווייל איך האב בעזעסען א גוטען כח־הזכרון.

מיין לעטצטע רייזע האט מיר ניט געבראכט קיין גרויסען פערדיענסט, אונד איך בין מיעד געוואָרען פאָהרענדיג אויף'ן ים. איך האב אלזאָ בעשלאָסען צו

בלייבען צו הויז נעבען מיין פרוי אונד קינדער. איך האב מיך ארום געצווינגען פון אָלד דזשיורי נאָך פעלטער ליין, דאן נאָך וואפפינג, האָפענדיג צו געפינען פאציענטען אונטער דיא מאַטראָזען, אָבער עס איז מיר ניט געגאנגען.

נאָך דרייא יאָהר לעבענדיג מיט האָפנונג אז עס וועט בעסער ווערען, האב איך ווידער אָנגענומען א שטעלע פון קאַפּיטאן וויללִיאם פּריטשארד אויף דער שיף „אנטעלאָפּ,‟ וועלכע פלעגט פאָהרען אויף דעם זיד־ים. מיר האבען אָבגעזעגעלט פון בריסטאָל אם 4־טען מאי 1699, אונד אונזער רייזע איז אין אנפאנג געוועזן זעהר א גליקליכע.

עס איז ניט נעטהיג צו בעלעסטיגען דעם לעזער מיט דיא איינצעלהייטען איבער דיא רייזען אויף דיעזע ימים ; עס איז גענוג צו דערצעהלען, אז אויף דער רייזע נאָך דיא וועסט אינדיעס, זיינען מיר פערוואָרפען געוואָרען דורך א שרעקליכען שטורם נאָך נאָרד־וועסט פון וואן דיעמען'ס לאַנד. 12 פון אונזער מאנשאפט זיינען געוועזן טויט פון דער אונערטרעגליכע ארבייט אונד שלעכטע נאהרונג ; דיא איבריגע זיינען געוועזן זעהר שוואך.

אם 5־טען נאָוועמבער, וועלכעס איז דער אנפאנג זומער אין יענע געגענדען, איז דאס וועטער געוועזן נעבעלדיג, אונד אונזערע מאַטראָזען האבען ערבליקט א פעלזען ניט ווייט פון דער שיף. אָבער אלע אונזערע אנשטרענגונגען זיך צו רעטען, זיינען געוועזן אומזיסט ; דער שטורם האט אונז געשליידערט אויף'ן פעלזען, וואו דיא שיף איז צושפּאָלטען געוואָרען. זעקס פון דער מאנשאפט, פון וועלכע איך בין געוועזן איינער, האבען זיך ארונטער געלאָזען מיט א שיפעל אין ים, אונד אָנגעווענדעט אלעס מעגליכע מען זאָל לויז ווערען פון דעם פּלאטץ וואו דיא צערשמעטערטע שיף מיט דעם פעלזען זיינען געוועזן. מיר האבען אוועק גערודערט, לויט מיין קאָמאנדאָ, א היבשע שטרעקע, ביז מיר האבען שוין מעהר ניט געקענט זיך ריהרען, ווייל אונזערע לעטצטע כוחות האבען מיר פערבראכט נאָך זייענדיג אויף דער שיף.

מיר זיינען דאן דערפאר געצוואונגען געוועזן זיך אָבצולאָזען וואוהין דער ווינט וועט אונז טראָגען מיט דיא כוואלעס, אונד אונגעפעהר נאָך א שטונדע צייט, האט זיך דאס שיפעל איבערגעקעהרט פון א פּלעטצליכער גרויסער וועללע. וואס עס איז געוואָרען פון מיינע קאָמפּאניאָנען אין שיפעל אָדער אויף'ן פעלזען, ווייס איך ניט גענוי, אָבער איך רעכען, אז זייא זיינען אלע דערטרונקען געוואָרען. איך ווידער, ווייס בלויז, אז איך האב מיך געפונען שווימענדיג, אונד ניט וויסענדיג וואוהין דער

ים טראָגט מיך, האב איך מיך נאָר געהאלטען אויף'ן וואסער, אונד זיך אָבגע־לאָזען צו מיין שיקזאל.

איך האב מעהרערע מאל פּראָבירט זיך שטעלען, טאָמער האב איך געגרייכט באָדען, אָבער עס האט געדויערט א היבשע צייט ביז איך האב דערשפּירט, אז איך דארף שוין מעהר ניט שווימען.

דער שטורם אונד דיא וועללען האבען זיך אויך בערוהיגט, אונד זייענדיג אין וואסער ביז צו מיין ברוסט, בין איך געגאנגען פאָרווערטס. איך קען זאגען, אז איך בין געגאנגען אזוי אין וואסער איבער א מייל ביז איך האב געגרייכט א טרוקענעם ברעג. איך האב מיר פאָרגעשטעלט, אז דאמאלס איז שוין געווען אונגעפעהר 8 אוהר אבענד.

אויף'ן ברעג, בין איך געגאנגען בערך פון א האלבער מייל, אונד איך האב קיין וואָהנונג ענטדעקט ; אָבער איך בין געווען אזוי אויפגערעגט, אז איך האב גאר ניט געקענט זעהען.

זייענדיג זעהר מיעד אונד אין זעהר א ווארעמעס וועטער, וויא אויך אונטער דעם איינפלוס פון א האלבער פלאַש בראנפען וואס איך האב אויסגעטרונקען פערלאָזענדיג דיא שיף, האב איך מיך געשפּירט שטארק גענייגט צום שלאָפען.

איך האב מיך אוועק געלעגט אויף'ן גראָז, וואס איז געווען זעהר ניעדריג אונד וויך, אונד איך בין געשמאקער געשלאָפען וויא אין דער גאנצער צייט פון מיין לעבען. ווען איך האב ערוואכט, איז שוין געווען גרויסער טאָג. איך האב פּראָבירט מיך אויפצוהייבען, אָבער איך האב מיך ניט געקענט ריהרען פון דעם פּלאַץ. גע־לעגען בין איך אויף מיין רוקען, אונד איך האב געשפּירט, אז מיינע הענד אונד פיס זיינען שטארק צוזאמען געבונדען אונד בעפעסטיגט צו דער ערד. מיינע האאר, וועלכע זיינען געווען לאנג אונד דיק, זיינען אויך געווען אזוי צוזאמען געבונדען.

איך האב אויך געשפּירט עטליכע שטריקלעך אויף מיין קערפּער פון מיינע עלענבויגענס ביז ארונטער איבער דיא קניען.

קוקען האב איך נאָר געקענט ארויף, ווייל איך בין אזוי געלעגען. דיא זונן האט אָנגעהויבען צו ווערען שטארק הייס אונד דאס ליכט האט מיר זעהר גע־שטערט צו מיינע אויגען. איך האב געהערט עפּעס א רעש ארום מיר, אָבער אויסער דעם הימעל, האב איך קיין זאך געקענט זעהען.

אין א קורצער צייט ארום, האב איך געשפּירט עפּעס א לעבעדיגע זאך זיך בעוועגענדיג אויף מיין לינקען פוס, וועלכעס איז געגאנגען פאָרווערטס ביז עס איז צוגעקומען אויף מיין ברוסט אונד זיך דערנעהנטערט צו מיין באָרד. אויסבייגענדיג

מיינע אויגען זאָ פיעל וויא איך האב געקענט, האב איך בעמערקט, אז דיא זאך איז א מענשליכע בעשעפעניש וואס איז קוים 6 צאָלל הויך. דאס מענשעלע האט געטראָגען א בויגען מיט פיילען אין זיינע הענד אונד א קיווער אויף זיין קאָפּ.

אין דערזעלבער צייט, האב איך געשפירט אונגעפעהר נאך פערציג אזעלכע חיה׳לעך נאכקומענדיג דעם ערשטען קליינעם מענשעלע.

איך בין געוועזן אויסער מיר פאר איבערראשונג אונד איך האב אָנגעפאנגען צו ברומען אזוי הויך, אז אלע זיינען צוריק געלאָפען אין שרעק. מאנכע פון זייא, לויט וויא מען האט מיר שפּעטער דערצעהלט, זיינען שטארק בעשעדיגט געוואָרען בשעת זייא זיינען פון מיר ארונטער געשפרונגען.

אָבער וויא דיא זאך איז, זיינען זייא באלד צוריק געקומען, אונד איינער פון זייא, וועלכער האט געוואגט צו צוקומען ביז צו מיין געזיכט, האט אויפגעהויבען זיינע הענד אונד אויגען וויא אין בעוואונדערונג, אונד אויסגעשריען, מיט א קוויטשענדיגער אָבער קלארער שטימע:

„האקינאה דעגול!“

דיא אנדערע האבען ווידערהאָלט דיעזעלבע ווערטער עטליכע מאָל, אָבער דאמאלס האב איך ניט פערשטאנען וואס דאס בעדייטעט.

איך בין געלעגען דיא גאנצע צייט, כויט וויא דער לעזער קען זיך פאָרשטעלען, אין זעהר אין אונרוהיגען צושטאנד. ענדליך, ווען איך האב אָנגעפאנגען צו קעמפּפען אום מיך צו בעפרייען, האב איך געהאט דאס גליק איבערצורייסען דיא שטריקלעך אונד אויך אויסרייסען דיא פלעקער וואס האבען בעפעסטיגט מיין לינקע האנד צו דער ערד. דאמאלס האב איך אביסעל אויפגעהויבען מיין קאָפּ אונד מיט א פעסטען רוק, וואס האט מיר פעראורזאכט גרויסע שמערצען, האב איך אויך עטוואס בעפרייעט מיינע האאר.

איך האב געוואָלט כאפּען א פּאאר פון דיעזע חיה׳לעך, נאָר זייא זיינען שנעל ענטלאָפען פון מיר אום מיין האנד זאָל זייא ניט גרייכען. דאן איז געוואָרען א גרויסע קוויטשערייא אונטער זייא, אונד איינער האט הויך אויסגעשריען:

„טאלגאָ פאָנאק!“

אין נעכסטען אויגענבליק זיינען אויסגעשאָסען געוואָרען א הונדערט פיילען אין מיין האנד, וועלכע האבען מיך געשטאָכען וויא דיא נאָדלען. אויסער דעם, האבען אנדערע אויסגעשאָסען אין דער לופט, גראדע וויא מיר טהון מיט באָמבעס אין איירָאפּא, אונד דיעזע זיינען צוריק געפאלען אויף מיין קערפּער אונד געזיכט, וואס איך האב באלד געמוזט צו דעקען מיט מיין בעפרייעטער האנד.

ווען דיעזער האָגעל פון פייכען איז געווען פאָראיבער, האב איך אָנגעפאנגען צו שרייען פאר שמערץ אונד העפטיג געקעמפפט מיך צו בעפרייען. אָבער גראדע דאמאלס האבען זייא נאך אמאל אָבגעשאָסען א האָגעל מיט פיילען, נאך מעהר וויא צום ערשטען מאָל, אונד מאנכע פון דיעזע מענשעלעך האבען אויך פראָבירט מיך צו שטעכען מיט שפיזען אין דיא זייטען. צו מיין גליק האב איך געטראָגען זעהר א דיקען אונד שטארקען ראָק, וועלכען זייא האבען ניט געקענט לעכערן.

איך האב אָנגעהויבען איבערצודענקען מיין לאגע אונד בעשלאָסען בעסער צו בלייבען ליעגען שטיל אביסעל אונד בייא א גינסטיגער געלעגענהייט מיך אין גאנצען בעפרייען. וואס עס אנבעלאנגט מיינע געגנער, בין איך זיכער געווען, אז איך וועל קענען בעקעמפפען אירגענד איין אנצאָהל פון זייער חיל, ווען זייא זיינען נאָר אַלע אזוי גרויס.

אָבער דאס שיקזאל האט אנדערש בעשלאָסען. ווען דיא מענשעלעך האבען געזעהען, אז איך ליעג שטיל, האבען זייא מעהר קיין פיילען געשאָסען, אָבער, לויט דעם גערויש וואס איך האב געהערט, האב איך פערשטאנען, אז זייער צאָהל האט זיך פערגרעסערט.

איך בין אימער געלעגען שטיל, אונד אונגעפעהר א 4 עללען פון מיר, איבער מיין קאָפּ, האב איך געהערט א קלאפעריי‌א א היבשע צייט, גראדע וויא מענשען ארבייטען בייא עפּעס. ווען איך האב אומגעווענדעט מיין קאָפּ אהין, האב איך געזעהען וויא א ביהנע איז עררישטעט אונגעפעהר אנדערטהאלבען פוס הויך, אויף וועלכער עס האבען געקענט שטעהען 4 פון דיא מענשעלעך. פוןביידע זייטען זיינען געשטאנען לייטערס אונד 4 מענשעלעך זיינען ארויף געגאנגען.

איינער פון זייא, וואס האט אויסגעזעהען א יחסן, האט זיך אוועק געשטעלט אונד פאר מיר אָבגעהאלטען א לאנגע רעדע, פון וועלכען איך האב ניט פערשטאנען אפילו איין וואָרט.

אָבער איך האב דאָ פערגעסען צו דערמאָהנען, אז איידער דיעזער חברה־מאן האט אָנגעפאנגען זיין רעדע, האט ער אויסגעשריען דרייא מאל:

„לאנגראָ דעהול סאן!“

דיעזע ווערטער אונד יענע וואס איך האב פריהער דערמאָהנט, זיינען פאר מיר שפעטער איבערזעטצט געוואָרען.

נאך דעם, זיינען צו מיר צוגעקומען א פופציג מענשעלעך, וועלכע האבען איבערגעשניטען דיא שטריקלעך וואס האבען בעפעסטיגט דעם איבריגען טהייל פון

מיין קאָפּ. דאס האט מיר געגעבען דיא מעגליכקייט גוט אומצו־ווענדען מײַן קאָפּ צום רעדנער אונד איהם בעסער בעטראַכטען.

ער האט אויסגעזעהען א מענש פון מיטעלע יאָהרען, עטוואס העכער וויא דיא איבריגע דרייא וואס זיינען געשטאַנען נעבען איהם. איינער פון דיא לעטצטע, איז געווען א פּאַזש (דיענער) וואס האט אונטערגעהאַלטען זיין לאַנגען מאַנטעל, וועלכער איז געווען אַזוי לאַנג וויא מיין מיטעלסטער פינגער; דיא אַנדערע צווייא, אויך דיענער, זיינען געשטאַנען איינער צו דער רעכטער האנד אונד איינער צו דער לינקער אונד איהם צוגעהאַלטען.

וועהרענד זיין דרשה, האט ער אויסגעזעהן וויא א פּאָלקאָמענער רעדנער, אונד איך האב מיר געקענט מערקען אין טאָן פון זיין שפּראַכע, ווארנונגען, פער־שפּרעכונגען, מיטלייד אונד גוטסקייט.

איך האב געענטפערט עטליכע ווערטער אין א גאַנץ אונטערטהעניגען טאָן, אונד דאַבייא האב איך אויפגעהויבען מיין לינקע האנד אונד מיינע אויגען צום הימעל, גלייך וויא איך וואָלט גערופען דיא זונן אַלס מיין עדות.

זייענדיג כמעט פערהונגערט, ווייל איך האב גאר ניט געגעסען זייט איך בין ארונטער פון דער שיף, האב איך געשפּירט נאַטור׳ס פערלאַנג זעהר שטארק, אונד מיך ניט קענענדיג מעהר צוריק האַלטען (פיעללייכט איז דאס געגען דיא געזעטצע פון עטיקעטע) האב איך צוגעלעגט דיא פינגער צו מיין מויל, אום אָנצוצייגען, אז איך וויל עסען.

דער הורנאָ (שפּעטער האב איך ערפאַהרען, אז אַזוי רופט מען א גרויסען לאָרד,) האט מיך גאַנץ גוט פערשטאַנען. ער איז ארונטער געגאַנגען פון דער ביהנע, אונד געהייסען מען זאָל צו שטעלען עטליכע לייטערס צו מיין זייט. אונגעפעהר הונדערט מענשעלעך זיינען ארויף אונד צוגעגאַנגען צו מיין מויל, מיטטראָגענדיג קאָרבען מיט פלייש, וועלכעס איז ספּעציעל געשיקט געוואָרען אויף׳ן קעניג׳ס בעד פעהל, נאָך דער ערשטער נאַכריכט וואס מען האט ערהאַלטען, אז איך געפין מיך דאָרט.

עס זיינען געווען אין דעם פלייש, שולטערן, זייטען, פיס אונד אַנדערע טהיילען, וויא פון שאָף אונד אַנדערע חיות וואס איך האב ניט געקענט גענוי וויסען פון וועלכען מין זייא זיינען, אָדער אונטערשיידען אין געשמאַק. זָאבער אַלע טהיילען האבען אויסגעזעהען קלענער וויא דיא פליגעלעך פון אונזערע פייגעלעך. איך האב געגעסען צו צווייא אָדער דרייא אויף איינמאַל, אונד אויך אריין געוואָרפען אין מיין

מויל צו דרייא אָדער פיער ברויט אויף אמאל פון דיא קאָרבען וואס מען האט געהאלטען נעבען מיין מויל.

זייא האבען מיך בעזאָרגט מיט דיא שפייזען, אזוי שנעל וויא מעגליך, אונד אויסגעדריקט ערשטוינען אונד בעוואונדערונג איבער מיין אפעטיט.

דאן האב איך געגעבען איין אנדערן צייכען, אז איך וויל טרינקען. זייא האבען ערפאהרען פון מיין עסען, אז אביסעל טרינקען וועט ניט גענוג זיין. אָבער, נאכדעם וויא זייא זיינען געווען זעהר א געשיקטעס פאָלק, האבען זייא ארויף געקייקעלט זעהר א גרויסעס פאס אויף מיין האנד, פון וועלכען זייא האבען ארויס געקלאפט דעם דנאָ. איך האב דאס אויסגעטרונקען מיט איין זופּ. דאס האט געשמעקט וויא בורגונדי וויין, אָבער נאך פיעל געשמאקער. דאן האבען זייא מיר צוגעבראכט נאך א פעסעל, וועלכעס איך האב אויך אזוי שנעל אויסגעטרונקען וויא דאס ערשטע, אונד פערלאנגט נאך; אָבער זייא האבען שוין מעהר ניט געהאט.

נאכדעם וויא איך האב געצייגט דיעזע וואונדער, האבען אלע געשריען פאר פרייד אונד געטאנצט אויף מיין ברוסט, שרייענדיג עטליכע מאל: „העקינאה דעגול!“

זייא האבען מיר געגעבען א צייכען איך זאָל ארונטער וואַרפען דיא צווייא פעסער, אָבער פריהער האבען זייא געווארענט זייערע לאנדסלייטע אונטען, זייא זאָלען זיך היטען. דיעזע ווארנונג איז אויסגעדריקט געוואָרען אין דיא ווערטער:

„באָראך בעוואָלאה!“ דיעזע פון אונטען ווידער, זעהענדיג דיא פעסלעך ארונטער פליהען, האבען אימער געשריען „העקינאה דעגול.“

איך בין מודה, אז עס האט זיך מיר עטליכע מאל שטארק געוואָלט אָנכאפּען א פערציג אָדער פופציג פון זייא מיט איין האנד אונד זייא ארונטער שליידערן אויף דער ערד. אָבער דיא עראינערונג אן דעם האָגעל פיילען אונד דאן דאס פער־שפּרעכען נאך דער רעדע, צו זיין אונטערגעבען, דאס אלעס האט מיך צוריק גע־האלטען. אויסער דעם האב איך יעטצט געפיהלט פערפליכטעט, לויט דיא געזעטצע פון אורחים, צו אכטען דיעזע מענשעלעך דערפאר וואס זייא האבען מיר נעגעבען צו עסען אונד צו טרינקען, וועלכעס האט זייא בעדארפט קאָסטען זעהר פיעל געלד אונד מיה.

יא, איך האב מיך בערוהיגט, אָבער איך האב דאָך ניט געקענט בעגרייפען וויא אזעלכע קליינע חיה׳לעך האבען געהאט דיא חוצפה ארויף צו געהען אונד ארום טאנצען אויף מיין קערפער, בשעת איינע פון מיינע הענד איז געווען פרייא. וויא

האבען זייא ניט נעציטערט בלויז מיך ערבליקענדיג, נאכדעם איך האב בעדארפט ערשיינען אונגעהייער גרויס נעגען זייא ?

נאכדעם וויא עס איז פאראיבער א קורצע צייט אונד זייא האבען געזעהען, אז איך פערלאנג פון זייא גאר ניט, איז ערשיענען א ספעציעלער שליח פון הויכען ראנג, פון זיין קייזערליכער מאיעסטעט. זיינע עקסעלענץ, דער קייזערליכער שליח, איז ארויף געקראכען אויף מיין פוס אונד אנגעפאנגען צו צוקומען צו מיין געזיכט. ער איז געוועזען בעגלייטעט מיט א 12 דיענער, אונד ארויס נעהמענדיג זיינע אמטס־פאפירען אונטער קייזערליכען זיעגעל, האט ער זייא צוגעבראכט נאהענט צו מיינע אויגען, געשפראכען אונגעפעהר 10 מינוטען אהן בעס אדער אויפרעגונג, נאר מיט א בעשטימטען טאן האט ער מיר אלץ געוויעזען פארווערטס. שפעטער האב איך ערפאהרען, אז ער האט געמיינט דיא הויפט־שטאדט, וואס איז געלעגען אונגע־פעהר א האלבע מייל ווייט. זיינע מאיעסטעט, אין ראטה מיט זיינע מיניסטארען, האט בעשלאסען מען זאל מיך אריין ברענגען.

איך האב געענטפערט עטליכע ווערטער, אבער זיינע עקסעלענץ, דער קייזערליכער שליח, האט מיך ניט פערשטאנען, דאן האב איך געמאכט סמנים מיט מיין האנד — אכטונג געבענדיג איך זאל ניט בעשעדיגען זיינע עקסעלענץ מיט דיא דיענער — אונד געוויעזען, אז איך ווינש דיא פרייהייט.

עס שיינט אז ער האט מיך גאנץ גוט פערשטאנען, ווייל ער האט געשא־קעלט מיט זיין קאפ, אז ער שטימט ניט איין דערצו, אונד ציינענדיג מיט זיינע הענד, האב איך פערשטאנען, אז ער מיינט, דאס מען מוז מיך אוועק פיהרען אלס געפאנגענער.

אונטערדעסען האט ער געמאכט אנדערע סמנים אונד מיר געגעבען צו פערשטעהען, אז איך וועל האבען עסען אונד טרינקען, אונד וועל גאנץ אנשטענדיג בעהאנדעלט ווערען.

דערבייא האב איך נאך אמאל געדענקט צו צעררייסען דיא שטריקלעך וואס האבען מיך צוגעבונדען; אבער נאך שפירענדיג דעם שמערץ פון זייערע פיילען אויף מיין האנד אונד געזיכט, וואו עס זיינען געווארען בלאטערן, האב איך גע־געבען א צייכען, אז זייא מעגען טהון מיט מיר וואס זייא ווילען. דארויף האט דער הורגא געציינט זעהר א פריינדליכעס געזיכט אונד זיך צוריק געצויגען מיט זיינע בעגלייטער.

מיט א קורצער צייט שפעטער האב איך געהערט א געשרייא, ווען עס זיינען עטליכע מאל ווידערהאלט געווארען דיא ווערטער :

„פעפלאָם סעלאָן !“ איך האב פלוצלינג דערשפירט א גרויסען אנצאָהל מענשעלעך זיך בע־שעפטיגענד בייא מיין לינקער זייט, וואו זייא האבען נאכגעלאָזען דיא שטריקלעך אויף אזוי ווייט, דאס איך האב מיך געקענט אומווענדען אויף מיין רעכטער זייט. אונד איך האב מיך געשפירט שטארק ערלייכטערט נאכדעם וויא איך האב משתין געווען.

לויט מיין בעוועגונג בייא דעם אויסרוהען זיך, האבען דיא מענשעלעך פער־שטאַנען וואס איך וויל טהון, אונד זייא זיינען שנעל אוועק לינקס אונד רעכטס אום צו פערמיידען דעם שטראָם, וועלכער איז געווען זעהר גרויס. זייא האבען אויך געשטוינט זעהענדיג אזוי פיעל השתנה.

אין דערזעלבער צייט איז א היבשע אנצאָהל פון זייא ארויף אויף מיין געזיכט אונד האַנד, וועלכע זייא האבען בעשמירט מיט אזא זאַלב, וואס האט זעהר גוט געשמעקט, אונד דאס האט אין איינינע מינוטען צייט פערטריעבען דעם גרויסען שמערץ פון דיא פיילען.

דיעזער צושטאַנד וויא אויך דאס עסען אונד טרינקען וואס זייא האבען מיר געגעבען, האט אין מיר ערוועקט א ווילען צום שלאָפען. איך האב געשלאָסען דיא אויגען, אונד, לויט וויא איך האב שפּעטער ערפאהרען, האב איך געשלאָפען גאַנצע 8 שטונדען. מיין שלאָף איז אויך געווען א רעזולטאַט פון דעם שלאָף געטראַנק וואס דיא ערצטע האבען אריין געגאָסען אין מיין וויין, לויט דעם קייזער׳ס בעפעהל.

עס ווייזט זיך ארויס, דאס זאָ שנעל וויא מען האט מיך געפונען שלאָפענדיג אויף דער ערד, נאך מיין לאַנדונג, האט מען דערפון בעריכטעט דעם קייזער מיט איין עקסטרא פּאָסט. עס איז באַלד אָבגעהאַלטען געוואָרען א בעראַטהונג, וואו מען האט בעשלאָסען מיך צו צובינדען. דיעזע ארבייט איז געמאכט געוואָרען בייא נאַכט, וועהרענד איך בין געשלאָפען. דאַן האט דער קייזער פאַר מיר געהייסען פּאָרבערייטען עסען אונד טרינקען, אונד מאַשינעריען זיינען ארויס געשיקט גע־וואָרען, מיך אריין צו ברענגען אין שטאָדט.

דער לעטצטער בעשלוס, מיך אריין צו ברענגען אין שטאָדט, איז אפילו געווען צו פרעך אונד געפעהרליך, אונד איך בין זיכער, אַז קיין אנדערער הערשער וואָלט דאס געוואגט, אָבער דאך האבען זייא אזא בעשלוס אָנגענומען.

נאך א גוטער בעטראַכטונג האב איך געמוזט צו געבען, אַז דיעזער שריט, איז געווען אי זעהר א פאַרזיכטיגער, אי וואָהלטהעטיג. דען, ווען זייא וואָלטען

פראָבירט מיך צו הרג׳ענען בשעת איך בין געשלאָפען, וואָלט איך געוויס ערוואכט פון דעם ערשטען שמערץ, אונד אין אויסברוך פון מיין צאָרן, וואָלט איך מיך שרעקליך נוקם געווען.

דיעזעס פאָלק האט זעהר גוטע רעכען־מייסטערס, אונד זייא האבען עררייכט דיא העכסטע שטופע פון מעכאניזמוס, דאמיט וואס זייער קייזער, אליין איין אנ־הענגער פון וויסענשאפט, האט זייא ערמוטהיגט דערצו. דיעזער הערשער האט געהאט איינינע גרויסע מאַשינען אויף רעדער, אום צו פיהרען בוימער אונד אַנדערע גרויסע זאכען. ער האט אויך זעהר אָפט געבויעט זיינע גרויסע קריעגס־שיפען, וועלכע זיינען געווען ביז 9 פוס לאַנג. פון דיא וועלדער האט מען געפיהרט דיא בוימער אויף א שטרעקע פון 300 ביז 400 עללען צום ים.

מען האט באלד געשטעלט 500 סטאָלארס אונד אינזשענירען פאָרצובע־רייטען זייער לאַסט־מאַשין צו דער ארבייט. דיעזע מאַשין, געבויעט פון האָלץ, איז געווען 3 צאָהל הויך פון דער ערד, 7 פוס לאַנג אונד 4 פוס ברייט, אונד איז געגאַנגען אויף 22 רעדער.

דעם גרויסען געשרייא וואס איך האב געהערט, איז געווען בייא דער אנ־קונפט פון דער מאַשין, וועלכע איז ארויס פון פלאַטץ, מיט 4 שטונדען נאכהער וויא איך האב געלאנדעט. דיא מאַשין איז צוגעבראַכט געוואָרען גראדע נעבען מיר.

אָבער דיא גרעסטע שוויריגקייט איז געווען, וויא מיך אויפצוהויבען אונד ארויף לעגען. 80 שטעקענס, יעדער א פוס הויך, זיינען אריין געקלאַפט געוואָרען אין דער ערד צו דיעזען צוועק, אונד זעהר שטאַרקע, נאָר דינע שטריקלעך, זיינען בעפעסטיגט געוואָרען מיט האָקענס צו שטריק וואס מען האט ארום געבונדען מיין גאַנצען קערפער. 900 פון דיא שטאַרקסטע מענשען האבען זיך בעשעפטיגט אין ציהען דיא שטריק, אונד, אויף אזא ארט, האבען זייא מיך אין 3 שטונדען צייט ארויף געצויגען אונד אריין געלעגט אין וואָגען, וואו זייא האבען מיך ווידער פעסט צוגעבונדען.

איך מוז דאָ בעמערקען, אז דאס אַלעס וואס איז פאָרגעגאַנגען, האט מען מיר ערשט שפעטער דערצעהלט, וויל וועהרענד דער גאַנצער צייט, בין איך געלעגען אין א טיעפען שלאָף פון דעם שלאָף־געטראַנק וואס זייא האבען אריין גע־גאָסען אין מיין וויין.

פופצעהן הונדערט פון דעם קייזער׳ס גרעסטע פערד, יעדעס אונגעפעהר 4

אונד א האלב צאָהל חויך, זיינען איינגעשפּאנט געוואָרען מיך צו פיהרען אין דער הויפּטשטאָדט, וועלכע איז געווען, וויא איך האב שוין געזאגט, א האלבע מייל ווייט.

אונגעפעהר מיט 4 שטונדען שפּעטער וויא מיין רייזע האט אָנגעפאנגען, האב איך ערוואכט דורך א לעבערליכען צופאל. דער וואָגען איז גראדע דאמאלס גע־בליעבען שטעהען אום עפּעס צו פעררריכטען. איינינע יונגע לייט זיינען געווען זעהר נייגיעריג מיך צו זעהען ווערענד איך שלאָף. זייא זיינען ארויף אויף מיין קערפּער אונד צוגעגאנגען ביז צו מיין געזיכט. א יונגער אָפיציער האט אריין געשטעקט זיין שפּיז אין מיין נאָז, וועלכע האט מיך געקיצעלט וויא א שטרוי. דאס האט פער־אורזאכט וואס איך האב גענאָסען; זייא זיינען שנעל ענטלאָפען אונבעמערקט, אונד ערשט מיט דרייא וואָכען שפּעטער האב איך דאריעבער ערפאהרען.

דעם גאנצען טאָג האבען מיר געררייזט אונד געבליעבען רוהען וויא עס איז נאכט געוואָרען. צו 500 גוט בעוואפענטע סאָלדאטען זיינען אויסגעשטעלט געוואָרען אלס וואכע נעבען מיינע ביידע זייטען. א העלפט האבען געטראָגען פאנארען אונד א העלפט בויגענס מיט פיילען, בערייט מיך צו שיסען ווען איך וועל רע־וואָלטירען.

דעם צווייטען מאָרגען, בייא זונענאויפגאנג, האבען מיר פאָרטגעזעטצט דיא רייזע אונד אָנגעקומען אום מיטאג־צייט מיט 200 עללען פאר דעם טויער פון דער שטאָדט. דער קייזער מיט זיינע גרויסע לייט זיינען ארויס געקומען אונז מקבל פּנים זיין; אָבער זיינע גרויסע גענערעלע האבען אום קיינעם פּרייז ניט געוואָלט ערלויבען זיינער מאיעסטעט איינצושטעלען זיין לעבען ער זאָל ארויף געהען אויף מיין קערפּער.

בייא דעם פּלאַטץ וואו דער וואָגען איז געבליעבען שטעהען, איז געשטאנען איין אַלטער טעמפּעל, בעריהמט אלס דער גרעסטער אין גאַנצען קעניגרייך. דיעזער טעמפּעל איז מיט עטליכע יאָהר צוריק טמא געוואָרען, ווייל איין אוננאַטירליכער מאָרד האט דאָרט שטאַטגעפונדען, אונד, לויט דיא מנהגים פון פאָלק, האט מען שוין דאָרט ניט געבעטען אונד איהם געלאָזען פּוסט. אין דיעזער געביידע איז בע־שלאָסען געוואָרען איך זאָל לאָזשירען.

דער גרויסער טויער, וועלכער איז געווען באלד 4 פוס הויך אונד 2 פוס ברייט, איז געעפענט געוואָרען, דורך וועלכען איך האב שפּעטער קוים געקענט אריין קריכען. בייא יעדער זייט פון דעם טויער, איז געווען א פענסטער, ניט מעהר וויא 6 צאָלל פון דער ערד. דעם קעניג׳ס שמידט האט אהין אריין געטראגען א גרויסע

מאסע קייטען, וועלכע זיינען ניט געווען דיקער וויא דיעזע וואס אונזערע דאמען טראגען בייא דיא זייגערלעך אין אייראפא.

געגענאיבער דעם טעמפעל, אויף דער אנדערער זייט פון דעם וועג, אונגע־פעהר 20 פוס ווייט, איז געשטאנען א מויער. אהין איז דער קייזער ארויף געגאנגען מיט מעהרערע גרויסע לארדען פון זיין הויף, דאמיט זייא זאלען האבען א געלע־גענהייט מיך צו זעהען.

אונגעפעהר הונדערט טויזענד איינוואהנער זיינען ארויס געקומען פון דער שטאדט מיך צו זעהען, אונד, טראָטץ דער וואך, האב איך דאך גערעכנט שפירען, אז ניט וועניגער אלס א טויזענד פון דיא מענשעלעך זיינען יעדעס מאל ארויף געקומען אויף מיין קערפער, אום מיך צו בעטראכטען. אבער עס איז באלד ארויס א פראקלאמאציאן וואס האט דאס פערבאטען צו טהון אונטער דער שטראפע פון טויט.

ווען דיא ארבייטער האבען זיך איבערצייגט, אז עס איז אונמעגליך פאר מיר איך זאל מיך בעפרייען, האבען זייא אויפגעשניטען אלע שטריק וואס האבען מיך צוזאמען געבונדען איך האב מיך דאן אויפגעזעטצט אונד געבליקט זעהר מרה־שחורה'דיג.

דיא קייטען וואס האבען צוגעבונדען מיין לינקען פוס, זיינען געווען אונגעפעהר 2 עללען לאנג אונד זייא האבען מיר געגעבען דיא מעגליכקייט אביסעל ארום צו שפאצירען. נאר אזוי וויא זייא זיינען געווען בעפעסטיגט צום טויער פון טעמפעל, בין איך אהין אריין געקראכען אונד מיך אוועק געלעגט איבער דער גאנצער לענג פון דער געביידע.

קאפיטעל 2.

דער קייזער פון ליליפוט, בעגלייטעט פון אדעללייטע, קומט זעהען דעם פערפאסער אין זיין געפאנגענשאפט. — א בעשרייבונג פון דעם קייזער'ס פערזאן אונד זיין אויפפיהרונג. — געלערענטע מענער ערנאנט צו שטודירען מיט דעם פערפאסער זייער שפראכע. — ער איז נושא חן דורך זיין מילדקייט. — זיינע קעשענעס ווערען בעזוכט, אונד זיין שווערט מיט דיא פיסטוילען אוועק גענומען.

ווען איך האב מיך וויעדער געזעהען אויף מיינע פיס, האב איך מיך ארום געקוקט, אונד, צו זאגען דיא וואהרהייט, האב איך נאך ניעמאלס געזעהען אזא

אינטערעסאנטעס בילד. דאס לאנד ארום־אונד־ארום, איז ערשיענען וויא איין אונענדליכער גארטען, אונד דיא פעלדער, וועלכע זיינען וויא געוועהנליך געוועזן 40 פוס קוואדראט, האבען פארגעשטעלט הערrליכע בלומען־בעטען. דיעזע פעלדער זיינען געוועזן דורכגעמישט מיט וועלדער, אונד דער העכסטער בוים, לויט וויא איך האב געקענט אורטהיילען, איז ניט געוועזן העכער אלס 5 פוס.

איך האב מיר בעטראכט דיא שטאדט צו מיין לינקער האנד, וועלכע האט פארגעשטעלט וויא א געמאלענע סצענע פון א שטאדט אין א טהעאטער.

איינינע שטונדען בין איך געוועזן זעהר מיעד, אונד איך האב מיך אויסגערוהט אין מיין הויז, וואו איך האב פערמאכט דיא טהיר. אבער איך האב ניט געקענט אזוי לייכט לויז ווערען פון דיא קליינע מענשעלעך. איך האב געמוזט נאך אמאל ארויס קומען אונד זיך צייגען אויף אזוי וויט וויא מיינע קייטען האבען מיר ערלויבט. איך האב אויך באלד ערפאהרען, אז דער קייזער איז ארונטער פון דעם טהורם אונד איז מיר ענטקעגען געפאהרען רייטענדיג אויף א פערד. אבער דאס האט איהם שיער זעהר טהייער געקאסט. דאס פערד, אבוואהל גוט אבגעריכטעט, איז דאך ניט געוואהנט געוועזן צו אזא אונגעהייערעס בעשעפעניש וויא איך בין געוועזן. עס האט איהם אויסגעזעהען וויא א מעכטיגער בארג וואלט זיך בעוואויגען אין זיין געגענווארט. עס האט זיך דערשראקען אונד זיך אויפגעשטעלט אויף דיא הינטערשטע פיס.

דער קייזער, וועלכע איז אבער א גוטער רייטער, האט זיך פעסט געהאלטען אויף דעם זאטעל, ביז איינינע דיענער זיינען צוגעשפרונגען אונד אנגעכאפט דאס פערד בייא דער צוים, ביז זיין מאיעסטעט האט צייט געהאט ארונטער צו שפרינגען.

ווען ער איז ענדליך געוועזן אויף דער ערד, האט ער מיך בעטראכט מיט גרויס בעוואונדערונג, אבער ער האט ניט געוואגט זיך שטארק צו דערנעהנטערן צו מיר. דאן האט ער געגעבען א בעפעהל צו זיינע קעכער אונד הויז־פערזארגער, וועלכע זיינען שוין דארט געוועזן צו דיעזען צוועק, מיר צו דערלאנגען עסען אונד טרינקען זייא האבען דאס מיר צוגעבראכט אויף וועגען, וועלכע איך האב גענרייכט אונד צוגעשלעפט ביז צו מיר. איך האב באלד אויסגעלעדיגט אזעלכע צוואנציג וועגען מיט עסען אונד 10 מיט טרינקען. פון א וואגען עסען האב איך געהאט גענוג אויף 2 אדער 3 גוטע ביסענס, אונד א פעסעל ווייז איז מיר גענוג געוועזן אויף איין זופ.

דיא קייזערין אונד דיא יונגע פרינצען אונד פריצעסינען, זיינען געזעסען פון

ווייטען אויף שטוהלען; נאָר ווען דאס אונגליק איז שיער געשעהען מיט דעם קייזער, זיינען זייא צו איהם צוגעקומען.

איך וועל דאָ בעשרייבען וויא דיא קייזערליכע פערזאָן האט אויסגעזעהען: ער איז געוועזען העכער ביינאהע מיט אזוי פיעל וויא מיין נאָגעל איז ברייט, פון אלע אנדערע אין זיין הויף. דיעזע הויכקייט איז גענוג געוועזען אין ליליפוט לאנד, צו ווארפען א מורא אויף יעדען וואס האט געזעהען דעם מעכטיגען קייזער. זיינע געזיכטס־ציגע זיינען געוועזען שארף אונד מענגליך, מיט איין עסטרייכישע ליפ אונד אביסעל א נעקרימטע נאָז. זיין געזיכטס־פארב ברוין. זיין קערפער שלאנק אונד דיא גליעדער גאנץ מעססיג. זיינע בעוועגונגען גראציעז אונד זיין גאנצע האלטונג מאיעסטעטיש.

דער קייזער איז צו יענער צייט געוועזען שוין אריעבער דיא יוגענד צייט, ווייל ער האט געצעהלט 28 יאָהר מיט 9 מאָנאט. פון דיעזער צייט האט ער רעגיערט 7 יאָהר אין גליקליכע פערהעלטניסע אונד איז אימער געוועזען א זיעגרייכער מאָנארך.

אום איהם בעססער צו בעטראכטען, האב איך מיך אוועק געלעגט אויף א זייט אונד מיין געזיכט איז אויסגעקומען אקוראט געגענאיבער איהם; ער איז בלויז געשטאנען 3 עללען ווייטער פון מיר.

זיין קליידונג איז געוועזען גאנץ איינפאך אונד איז בעשטאנען פון א מאָדע וואס האט געקענט פאָרשטעלען דיא מנהגים פון אזיען אונד אייראָפא צוזאמען. אויף'ן קאָפ האט ער געטראָגען א לייכטען גאָלדענעם קיווער בעזעטצט מיט בריליאנטען אונד א לאנגע פעדער אויף'ן שפיטץ.

אין זיין האנד האט ער געהאלטען זיין בלאנקעס שווערט אום זיך צו פער־טהיידיגען, אין פאל איך זאָל מיך אויסרייסען. דאס שווערט איז געוועזען ביינאהע 3 צאָלל לאנג, אונד דיא שטיל וויא אויך דיא שייד, זיינען געוועזען בעזעטצט מיט דיאמאנטען.

זיין שטימע האט געקלונגען קוויטשענדיג, אָבער זעהר שארף אונד דייטליך, זאָ דאס איך האב איהם געקענט הערען אפילו ווען איך בין געשטאנען אויף דיא פיס.

דיא הויף־דאמען זיינען אלע געוועזען פראכטפאָל געקליידעט, אונד דער פלאטץ וואו זייא זיינען געשטאנען, האט מיר אויסגעזעהען וויא א געשטיקטער אונטער־ראָק מיט פיגורען פון גאָלד אונד זילבער, אויסגעשפרייט אויף דער ערד.

זיין קייזערליכע מאיעסטעט האט עפטער גערעדט צו מיר אונד איך האב איהם אויך געענטפערט, אָבער מיר האבען זיך ביידע ניט געקענט פערשטעהען. איינינע גייסטליכע אונד אדוואָקאטען (וואס איך האב געאורטהיילט פון זייערע קליידער) זיינען אויך דערביי געווען, וועלכע דער קייזער האט געהייסען זייא זאָלען מיך אנשפרעכען; איך האב זייא געענטפערט אין אלע שפראכען וואס איך האב געקענט, הויך אונד ניעדריג האָללענדיש, לאטייניש, פראנצויזיש, שפאניש, איטא-ליעניש אונד דיא פרענקישע שפראכע, אָבער אלעס איז געווען אומזיסט.

נאָך דער צייט פון א פאאר שטונדען, האט זיך דער קייזערליכער הויף צוריק געצויגען, אונד מיך האט מען געלאָזען אונטער א שטארקער וואך, אום מיך צו בע-שיטצען פאר דער פרייהייט אונד אויך שלעכטקייט פון דער מאססע, וועלכע זיינען געווען זעהר אונגעדולדיג אונד געוואָלט צו קריכען צו מיר אזוי נאהענט וויא נאָר מעגליך.

איינינע האבען זאָגאר אָבגעפייערט זייערע פיילען אויף מיר בשעת איך בין געזעסען פאר דער טהיר פון מיין הויז, אונד איין פייל האט מיר אויך שיער גע-טראָפען אין אויג. אָבער דער קאָלאָנעל האט געהייסען כאפען 6 פון דיעזע אנ-פיהרער, זייא געבונדען, אונד בעשלאָסען, אז קיין שטראפע קען גרעסער זיין, וויא זייא איבערצוגעבען אין מיינע הענד. איינינע פון זיינע סאָלדאטען האבען דאן גע-נומען דיא געבונדענע אונד זייא צוגערוקט אזוי נאהענט, אז איך האב זייא געקענט גרייכען.

איך האב זייא אלע ארויף גענומען אויף מיין רעכטער דאָלאָניע, דאן האב איך 5 אריין געלעגט אין מיין ראָק-קעשענע, אונד צום 6-טען האב איך אויפגעמאכט א מויל, גלייך וויא איך וויל איהם פערשלינגען. דער ארמער מאן האט פירכטערליך געשריען, אונד דער קאָלאָנעל מיט זיינע אָפיצירען האבען אויסגעזעהען זעהר גע-ערגערט, איבערהויפט ווען זייא האבען ערבליקט וויא איך האב ארויס גענומען א טאשען-מעסער׳ל.

אָבער איך האב זייער ערגערניס ניט פיעל אנגעהאלטען, דען איך האב אָנגע-הויבען צו בליקען מילדער אונד מיט מיין מעסער׳ל האב איך אויפגעשניטען דיא שטריקלעך מיט וועלכע מען האט איהם געבונדען, אונד איהם ארונטער לאָזענדיג לאנגזאם צו דער ערד, איז ער שנעל ענטלאָפען.

מיט דיא אנדערע האב איך דאסזעלבע געטהאָן, דען איך האב זייא ארויס גענומען איינציגווייז פון דער קעשענע, זייא אויפגעבונדען אונד בעפרייט.

איך האב געקענט בעמערקען, אז דיא סאָלדאטען אונד דאס פאָלק, זיינען

געוועזן זעהר צופריעדען מיט מיין האלטונג, אונד דאס האט מיך שפּעטער גוט רעקאָמענדירט אין קייזערליכען הויף.

געגען אבענד בין איך ווידער אריין געקראָכען אין הויז אונד זיך געלעגט אויף דער ערד. אזוי האב איך מיך אָבגעפּלאָגט א 14 טעג, אונד וועהרענד דער צייט, האט דער קייזער ארויס געגעבען א בעפעהל, מען זאָל פאר מיר פּאָרבערייטען א בעט. 600 פון זייערע בעטען זיינען געבראַכט געוואָרען אויף וועגען אונד מען האט זייא אריין געשטעלט אין מיין הויז; 150 פון דיעזע בעטען האבען געבילדעט דיא ברייט אונד לענג, אונד דאס האט מיר ערשפּארט צו ליעגען אויף דער ערד פון גלאַטע שטיינער אונד אָבקוועטשען מיין לייב.

דאַן האט מען מיך פערזאָרגט מיט בעט-געוואנט, דעקען אונד קאָלדרעס, מיט וועלכע איך בין געווען פאָלקאָמען צופריעדען, נאכדעם איך בין אזוי געפּלאָגט געוואָרען.

וויא דיא נאכריכט פון מיין אנקונפט האט זיך פערברייטעט איבער דעם לאַנד, האט דאס צוזאמענגעבראַכט אונגעהייערע מאסען רייכע, לעדיג-געהער אונד גלאַט נייגיעריגע מענשען מיך צו זעהען. עס איז אזוי וויט געקומען, אז דיא דערפער זיינען כמעט אין גאנצען אויסגעלעדיגט געוואָרען אונד מען האט פערנאכלעסיגט צו בעארבייטען דעם באָדען. טויזענדער אנדערע בעשעפטיגונגען האבען געליטען דאדורך, ביז זיין קייזערליכע מאיעסטעט האט ארויס געלאָזען איינעע פּראָקלאמאציאָנען אונד שטאאטס-בעפעהלע געגען דיעזער איבערגעלויף מיך צו זעהען.

דער קייזער האט ערשטענס בעפוילען, אז דיעזע וואס האבען מיך שוין געזעהען, זאָלען זאָפאָרט אהיים געהען, אונד דיא אנדערע וואס ווילען מיך זעהען, דאַרפען זיך ניט דערנעהנטערן מעהר וויא 50 עללען פון מיין וואָהנונג, אונד דערצו מוזען זייא נאך האבען ספּעציעלע ערלויבנים פון דער רעגיערונג. דערבייא, נאטירליך, האבען דיא שטאאטס-בעאמטע געהאט א סך ארבייט אונד געקריעגען גוט בעצאָהלט.

אין דערזעלבער צייט, האט דער קייזער אָבגעהאלטען איינעע בעראטהונגען אום צו בעשליסען וואס עס איז צו טהון מיט מיר. נאכדעם האט מיר מיטגעטהיילט מיינער א פריינד — א גרויסער חשוב אין הויף וואס האט אַלעס געוואוסט, — אז מען האט זיך גאר ניט געוואוסט וואס פאר איין עצה צו געבען מיט מיר.

מען האט זיך געשראָקען טאָמער וועל איך מיך בעפרייען, דאַן, אז מיין שפּייז וועט זיין צו קאָסטבאר אונד דאס וועט פעראורזאכען א הונגער.

אמאל האט מען גערעכענט מיך צו לאָזען אייסגעהען פאר הונגער, אָדער מען זאָל אויף מיר שיסען מיט פערגיפטעטע פיילען אין דיא הענד אונד געזיכט, וועלכעס וועט באלד פעראורזאכען מיין טויט.

אָבער, זייא האבען ניט פערגעסען צו בערעכענען, אז מיין טויטער קערפער וועט קענען זעהר לייכט פעראורזאכען א פעסט אין דער הויפט־שטאָדט אונד וועט זיך פיעללייכט נאך פערברייטען איבער דעם גאנצען לאנד.

וועהרענד דיעזע בעראטהונגען, זיינען ערשיענען איניגע אָפיצירען אונד אָבגע־געבען א בעריכט וויא אזוי איך האב געהאנדעלט געגען דיא 6 פערברעכער וואס מען האט איבערגעגעבען אין מיינע הענד, לויט וויא איך האב פריהער דער־מאָהנט.

דאס האט געמאכט א גוטען איינדרוק איבער זיין מאיעסטעט מיט זיינע יועצים, אונד מען האט גלייך נאך דעם ארויס געגעבען א בעפעהל וויא אויך ער־נאנט א קייזערליכע קאָמיסיאָן, אז אלע דערפער ארום דער הויפט־שטאָדט, אויף 900 עללען ווייט, זאָלען ליעפערן יעדען פריה־מאָרגען 6 אָקסען, 40 שאָף, אונד אנדערע לעבענס־מיטלען מיט ברויט, וויין אונד שנאפס. דאפיר האט דער קייזער זעלבסט בעשלאָסען צו בעצאָהלען פון זיין קאסע. דאס, נאטירליך, זאָל זיין אום מיך צו ערנעהרען.

עס זיינען אויך אנגאזשירט געוואָרען 600 מענשען אום מיך צו בעדיענען, אונד זייא האבען געקריעגען עסען אונד טרינקען אונד זיך אויסגעבויעט פאסענדע געצעלטען נעבען מיין וואָהנונג.

דאן האט מען ארויס געגעבען א בעפעהל, אז 300 שניידערס זאָלען פאר מיר מאכען איין אנצוג לויט דער מאָדע פון לאנד. 6 פון זיין מאיעסטעט'ס גרעסטע פראָפעסאָרען, זיינען בעאויפטראגט געוואָרען מיט מיר צו לערנען דיא לאנדעס־שפראכע.

איין אנדערער בעפעהל האט געלויטעט, אז זיינער מאיעסטעט'ס פערד וויא אויך דיא פערד פון זיינע גרעסטע מענער, זאָל מען מושטירען אין מיין געגענוואָרט, דאמיט זייא זאָלען זיך צוגעוואָהנען צו מיר.

אלע דיעזע בעפעהלע זיינען באלד געגאנגען צו דער ארבייט, אונד, אונגעפעהר אין א דרייא וואָכען צייט, האב איך געמאכט א גרויסען פאָרטשריט אין לערנען דיא שפראכע.

וועהרענד דיעזער צייט, האט מיך אויך דער קייזער עטליכע מאל בעעהרט

מיט זיין בעזוך, אונד ער האט גרויסעס פערגניגען געהאט צו העלפען מיינע פראַ־פעסאָרען אין דעם אונטערריכט.

מיר האבען לאנגזאם שוין אָנגעהויבען זיך אביסעל צוזאמען צו ריידען. דיא ערשטע ווערטער וואס איך האב אויסגעלערענט, איז געווען דער אויסדרוק פון מיין וואונש. איך האב געזאגט:

„מאיעסטעט, איך בעט אייך, גיבט מיר דיא פרייהייט."

דאס האב איך ווידערהאָלט יעדען טאָג אויף מיינע קניען.

זיין ענטפער איז כמעט אימער געווען:

„דאס וועט קומען מיט דער צייט, אונד דאן קען איך דאס ניט טהון אָהן מיינע יועצים."

דערצו האט ער נאך צוגעלעגט דיא ווערטער:

„לוקאָס קעלמין פעססע דעססמאר לאָן עמפאָסאָ."

דאס הייסט, אז איך מוז צושווערען פריעדען צו איהם אונד זיין קעניגרייך.

אונטערדעסען, האט ער יעדעס מאל דערמאָהנט מיינע דיענער, אז זייא מוזען זיך בענעהמען גוט צו מיר, אונד צו לעטצט האט ער מיך געראטהען אזוי:

„איך וויל דוא זאָלסט דורך דיין געדולד ערלערנען איין אנשטענדיגע בע־נעהמונג אונד געווינען מיין גוטע מיינונג וויא אויך דיא גוטע מיינונג פון מיינע אונטערטהאנען."

דאן האט ער מיר געזאגט, אז איך זאָל קיין פאראיבעל ניט האבען, ווען ער וועט געבען א בעפעהל צו געוויסע בעאַמטע מיך צו בעזוכען, ווייל עס איז מעגליך, אז איך טראָג בייא מיר וואפען, וועלכע זיינען געווים זעהר געפעהרליך, ווען זייא זיינען נאָר לויט דער גרויסקייט פון מיין פערזאָן.

איך האב געענטפערט:

„אייער מאיעסטעט וועט זיין צופריעדען."

איך בין אויך געווען פאָלקאָמען צופריעדען איבערצוקעהרען מיינע קעשענעס אונד אַלעס אוועק געבען.

דיעזע לעטצטע ווערטער, האב איך געזאגט האלב אין ווערטער אונד האלב דורך סמנים.

ער האט דאן געענטפערט:

„לויט דיא געזעטצע פון מיין לאנד, מוזטו בעזוכט ווערען פון צווייא בע־אמטע, אונד איך ווייס ווידער, אז דאס קען ניט דורכגעפיהרט ווערען אָהן דיין

איינשטימונג. אָבער איך האב פון דיר שוין אזא גוטע מיינונג, אז איך קען פאָל־קאָמען פערטרויען מיינע בעאמטע אויף דיר. דאַן, זאָלסטו וויסען, אז אַלעס וואס וועט פון דיר אוועק גענומען ווערען, וועט מען דיר פּינקטליך צוריק געבען צור צייט וואס דוא וועסט פערלאָזען מיין לאנד, אָדער דיר פּאָלקאָמען בעצאָהלען מיט געלד עובר לסוחר.״

איך האב אויפגעהויבען דיא בעאמטע מיט מיינע הענד אונד זייא ערשטענס אריין געלעגט אין מיינע ראָק־קעשענעס אונד דאַן אין אנדערע קעשענעס פון מיינע קליידער, אויסער מיינע וועסט־קעשענעס אונד נאָך א קעשענקעלע, וואו איך האב עפּעס געהאט וואס האט קיינעם ניט געקענט ניטצען אויסער מיר אליין.

אין איינער פון מיינע וועסט־קעשענעס, האב איך געהאט א זילבערנעם זייגער, אונד אין דער אנדערער א בייטעלע מיט עטליכע גאָלד־שטיקלעך.

דיא בעאמטע, האבענדיג פּען, טינט אונד פּאַפּיר מיט זיך, האבען אַלעס גענוי בעשריעבען וואס זייא האבען געזעהען. ווען זייא זיינען מיט דיעזער ארבייט פערטיג געוואָרען, האבען זייא בייא מיר פערלאנגט איך זאָל זייא ארונטער לאָזען אום אָבצוגעבען׳ דעם קייזער א בעריכט.

דיא פערציי׳כנונג האב איך דאַן איבערזעטצט אין ענגליש, אונד וואָרט־איך־וואָרט, לויטעט זיא אזוי:

„א י מ פּ ר י מ י ס, אין דער רעכטער ראָק־קעשענע פון דעם גרויסען מענש־בארג, (אזוי איבערזעטץ איך דיא ווערטער ק ו ו י נ ב ו ס פ ל ע ס ט ר י ן.) נאָך דער שטרענגסטער אונטערזוכונג, האבען מיר געפונען א גרויסעס אונד רויעס שטיק טוך, גרויס גענוג אום צו בעדעקען דעם פוס־באָדען פון אייער מאַיעסטעט׳ס גרעסטען זאַלאָן.

„אין דער לינקער קעשענע האבען מיר געזעהען איין אונגעהייער גרויסען זילבערנעם קאסטען מיט א דעק פון דעמזעלבען מעטאַל, וואס מיר, אונטערזוכער, האבען ניט געקענט אויפהויבען. מיר האבען פערלאנגט עס זאָל געעפענט ווערען, אונד איינער פון אונז איז אריין אינוועניג אונד איז באלד געשטאַנען ביז איבער דיא קניען אין א מין שטויב, פון וועלכען מאַנכע טהיילען זיינען געפלויגען אין אונזערע געזיכטער אונד מיר האבען אָנגעפאַנגען צו ניעסען עטליכע מאל צוזאמען.

„אין זיין הויכער רעכטער קעשענע האבען מיר ענטדעקט א גרויסען פּאַק פון ווייסע דינע געגענשטענדע, צוזאמען געלעגט איינער אויף אַנאַנדער, אזוי דיק וויא דרייא פון אונזערע מענשען אונד צונויף געבונדען מיט א דיקען שטריק. אַלעס אין

געווען בעצייכענט מיט פיגורען, אונד מיר רעכענען, אז דיעזע זיינען בריעף; יעדער בוכשטאב איז אזוי גרויס וויא א העלפט פון אונזער דאַלאַניע.

„אין דער לינקער זייט האבען מיר ענטדעקט א מין מאשין, פון וועלכען עס האבען זיך אויסגעצויגען צוואנציג סטאַלפּעס, יעדער איז אזוי גרויס וויא דיא באלקענס אין אייער מאיעסטעט'ס הויף; מיר רעכענען, אז דערמיט קאמט דער מענש־בארג זיין קאָפּ. מיר האבען איהם ניט געוואָלט פיעל איבערפרעגען, ווייל מיר האבען געזעהען, אז ער פערשטעהט אונז ניט זעהר גוט.

„אין דער גרויסער קעשענע פון זיין רעכטער זייט אויף דער מיטעל־דעק (אזוי איבערזעץ איך ר א נ פ ו ־ ל אָ, וועלכעס מיינט דיא הויזען,) האבען מיר געפונען א לעערען אייזערנעם סטאַלב, בעפעסטיגט צו א שטיק האָלץ נאך גרעסער וויא דאס אייזען; אויף איין זייט האבען נאכגעהאנגען שטיקער אייזענס מיט מערקווירדיגע פיגורען, וואס מיר קענען גיט וויסען וואס דאס איז. אין דער לינקער קעשענע האבען מיר איין עהנליכע מאשין ענטדעקט. אין דער קליינער קעשענע בייא דער רעכטער זייט, האבען מיר ענטדעקט עטליכע רונדע שטיקער פון פלאכען וויסען אונד רויטען מעטאל, פון אונגעהייערער שווערקייט; מאנכע פון דיא ווייסע, וואס האבען אויס־געזעהען וויא זילבער, זיינען אזוי שווער, אז איך אונד מיין קאמעראד האבען דאס קוים געקענט אויפהויבען.

„אין דער לינקער קעשענע זיינען אויך געווען צווייא גרויסע אונד אונרעגעל־מעסיגע באלקענס; נאך גרויסער שוועריגקייט איז אונז געלונגען צו גרייכען זייער שפּיטץ, ווייל מיר זיינען געשטאנען אונטען אין דער קעשענע. איינער פון זייא איז בעדעקט אונד זעהט אויס פון איין שטיק; אויף דעם שפיטץ פון דעם אנדערן זעהט זיך עפּעס ווייסעס אונד איז אזוי גרויס צווייא מאל וויא אונזערע קעפּ. מיט יעדען פון דיעזע איז געווען א מעכטיגע שטאָהלענע קלינגע, זעהר געפעהרליך. ער האט דיעזע צווייא ארויס גענומען אונד אונז ערקלערט, אז אין זיין לאנד איז א מנהג, מיט איינעם פון דיעזע זיך צו ראַזירען אונד מיט דעם אנדערן צו צערשניידען פלייש.

„עס זיינען געווען נאך צווייא קעשענעס וואוהין מיר האבען ניט געקענט אריין געהען, ווייל זיינע קליידער זיינען דאָרט זעהר געפּאסט אונד דיא אויסגעצויגענהייט פון זיין בויך האט אונז געשטערט. פון איינער פון דיעזע קעשענעס איז ארויס גע־האנגען א גרויסע זילבערנע קייט מיט א מערקווירדיגער מאשין. מיר האבען איהם געהייסען ער זאָל דאס ארויס ציהען אום מיר זאָלען זעהען וואס עס געפינט זיך בייא דעם אנדערן עק פון דער קייט. ער האט אזוי געטהאָן אונד מיר האבען ערבליקט א

מעכטיגע רונדע זאך, העלפט פון זילבער אונד העלפט פון א דורכזיכטיגעס מעטאל, ווייל דאָרט וואו מיר האבען געקענט דורכקוקען, האבען מיר געזעהען מאנכע פיגורען ארום־אונד־ארום, אונד אָבוואָהל מיר האבען דיעזע פיגורען ניט געקענט בעריהרען, האבען מיר געשפירט וויא אונזערע פינגער ווערען צוריק געהאלטען דורך דיעזען דורכזיכטיגען מעטאל. ער האט צוגעלעגט דיעזע מאשין צו אונזערע אויערן אונד מיר האבען געהערט א גרויסע קלאפעריי, גראדע וויא אונזערער א וואסער־מיהל.

„מיר רעכענען, אז דאס מוז ענטוועדער זיין א מין חיה, אָדער דער גאָט צו וועלכען ער בעט, ווייל לויט וויא ער האט אונז פערזיכערט (אויב מיר האבען איהם נאָר גוט פערשטאנען) האט ער זעלטען עפּעס געטהאָן אָהנע זיך פריהער צו בעראטהען מיט דיעזער מאשין. מיר האבען אויך געפונען אייניגע גרויסע שטיקער געלעס מעטאל, וועלכע, אויב זייא זיינען גאָלד, דאן מוזען זייא זיין פון זעהר א גרויסען ווערטה.

„נאכדעם וויא מיר האבען אויסגעזוכט אלע זיינע קעשענעס, לויט אייער מאיעסטעט'ס בעפעהל, האבען מיר בעמערקט א גארטעל ארום זיין קערפּער, וועלכער מוז זיין פון דער פעל פון איין אונגעהייערער גרויסער חיה. בייא דער רעכטער זייט פון דיעזען גארטעל איז געהאנגען א שווערט, וועלכע איז אזוי לאנג וויא אונזערע 5 מענשען; בייא דער לינקער זייט איז נאכגעהאנגען א בייטעל אָדער א זאק, איינגעטהיילט אין צוויא טהיילען; יעדער טהייל קען אריין נעהמען 3 פון דיא אונטערטהאנען פון אייער מאיעסטעט.

„אין איינעם פון דיעזע טהיילען געפינען זיך עטליכע קוגלען, אָדער באללען, פון זעהר א שווערען מעטאל, אזוי גרויס וויא אונזערע קעפּ, אונד עס ערפאָרדערט א שטארקען מענשען דאס אויפצוהויבען. אין דעם אנדערן טהייל געפינט זיך א הויפען פון א געוויסען שווארצען שטאָף, וויא קוילען, אָבער ניט זעהר שווער, ווייל מיר האבען געקענט האלטען 50 פון זייא אויף אונזערע הענד.

„דאס איז א פּינקטליכע בעצייכנונג פון אלעמען וואס מיר האבען געפונען אויף דעם קערפּער פון דעם מענש־בארג, וועלכער האט אונז זעהר גוט בעהאנדעלט אונד אונז רעספּעקטירט לויט וויא עס פּאסט פיר א קאָמיסיאָן פון אייער מאיעסטעט.

„אונטערגעשריעבען אונד געזיגעלט אם 4־טען טאָג פון דער 89־טער לבנה פון אייער מאיעסטעט'ס הערליכע רעגיערונגס־צייט:

„פלעססען פעללאָק.

„מארסי פרעלאָק."

ווען דיזער בעריכט איז פאָרגעלעזען געוואָרען פאר זיין מאַיעסטעט, האט ער מיר געהייסען, אפילו אין זעהר א העפליכער שפּראכע, איך זאָל אויסליעפערן אלע דיא אויסגערעכענטע געגענשטענדע.

ערשטענס האט ער פערלאַנגט מיין קורצעס שווערט, וועלכעס איך האב איהם איבערגרייכט מיט דער שייד מיט אַלעמען. דאן האט ער געגעבען א בעפעהל, אז 3000 פון זיינע בעסטע טרופּען זאָלען מיך ארום רינגלען, אונד אלע זאָלען זיין בערייט מיט זייערע בויגענס אונד פיילען אויף מיר צו שיסען; איך האב דאס אָבער ניט געזעהען, ווייל מיינע אויגען זיינען גענצליך געווען געריכטעט צו זיינער מאַיעסטעט.

ער האט מיר געהייסען איך זאָל אַרויס ציהען מיין שווערט, וועלכעס, אָבוואָהל אביסעל פערראָסטעט פון דעם ים־וואסער, איז עס דאָך נאָך געווען זעהר בלאַנק. ווען איך האב ארויס געצויגען דאס שווערטעל, האבען אלע טרופּען ארויס געלאָזען א געשרייא פון שרעק אונד בעוואונדערונג, ווייל דיא זונן האט אָבגעשלאָגען א בלענדענדעס ליכט אויף דער קלינג אונד האט שטארק געפינקעלט אין זייערע אויגען, וועהרענד איך האב בעוואויגען דאס שווערט הין אונד צוריק.

זיינע מאַיעסטעט האט מיר אונטערדעסען געהייסען איך זאָל דאס שווערטעל אריין שטעקען צוריק אין דער שייד אונד דאס לאַנגזאם אוועק ווארפען אויף א 6 פוס ווייטער פון דעם פּלאַטץ וואו איך בין געווען צוגעבונדען.

ער האט דאַן געהייסען איך זאָל אַרויס נעהמען איין לעדערן אייזערנעם סטאָלב, אונטער וועלכען ער האט געמיינט א פּיסטויל. איך האב דאס געטהאָן, אונד זאָ וויט וויא מעגליך, האב איך איהם ערקלערט וואס מען קען טהון דערמיט. ער האט פון מיר פערלאַנגט, איך זאָל איהם צייגען וויא מען שיסט.

איך האב דאַן אנגעלאַדען דיא פּיסטויל בלויז מיט פּולווער, וועלכער איז גראדע ניט פערנעטצט געוואָרען אין מיין גוט־פערמאַכטען פּולווער־בייטעל. פריהער, נאַטירליך, האב איך געוואָרענט דעם קייזער, אז ער האט ניט פאר וואס מורא צו האבען, אונד דאַן האב איך אויסגעשאָסען אין דער לופט.

דיא בעוואונדערונג דערביי איז אויך געווען פיעל גרעסער וויא צור צייט וואס מען האט געזעהען מיין שווערטעל. הונדערטער זיינען אַניעדער געפאַלען גראדע וויא זייא וואָלטען געבליעבען טויט. זאָגאר דער קייזער זעלבסט, אָבוואָהל ער איז געבליעבען שטעהען אויף'ן פּלאַטץ, איז ער געווען אזוי פערווירט, אז עס האט געדויערט א היבשע צייט ביז ער איז צו זיך געקומען.

איך האב אויסגעליעפערט מיינעביידע פיסטוילען אויף דערזועלבער ארט וויא איך האב געטהאָן מיט דעם שווערט; דאַן האב איך איבעררייכט דיא צווייא בייטלען מיט פולווער אונד מיט קוגלען, ערזוכענדיג, אז דער פולווער זאָל געהאלטען ווערען וויט פון דעם פייער, ווייל דאס קען זיך אָנצינדען פון דעם קלענסטען פונק אונד צערשמעטערן זיין גאנצען קייזערליכען פּאלאסט.

דאַן האב איך אוועק געגעבען מיין זייגער, וואס דער קייזער האט זיך שטארק פעראינטערעסירט צו זעהען, אונד ער האט געהייסען דיא צווייא העכסטע מענער פון זיין גוואַרדיע אוועק טראָגען דעם זייגער אויפגעהאנגען אויף א שטארקען שטעקען אויף זייערע שולטערן. ער איז געוועזען ערשטוינט איבער דעם בעשטענדיגען גערויש וואס איז פאָרגעקאָמען אינוועניג אונד דיא בעוועגונג פון דיא קליינע ווייזערלעך, וועלכעס ער האט געקענט גאנץ לייכט בעמערקען, ווייל זייער כח־הראייה איז פיעל שטארקער וויא דער אונזעריגער. ער האט געפרעגט דיא מיינונג פון זיינע געלערנטע מענער דאריעבער, אונד זייא האבען געגעבען פערשיעדענע סברות, אָבער קיין איינציגע איז געוועזען דיא ריכטיגע, אָבוואָהל איך האב זייא ניט געקענט אין גאנצען פערשטעהען.

דאַן האב איך איבעררייכט מיין זילבער אונד קופּער געלד, וויא אויך מיין בייטעל מיט 9 גרויסע גאָלד־שטיקער אונד איינינע קלענערע. נאכדעם האט גע־פאָלגט מיין מעסערל, ראזיר־מעסער, מיין קעמעל אונד דאס זילבערנע טאבאק־פושקעלע, וויא אויך מיין האנד־טיכעל אונד טאגע־בוך.

מיין שווערט, פיסטוילען אונד דיא בייטעלען מיט פולווער אונד קוגלען, זיינען אוועק געפיהרט געוואָרען אויף גרויסע וועגען אין דיא מאגאזינען פון זיינער מאיעסטעט; אַלע מיינע איבריגע זאכען, האט מען מיר צוריק געגעבען.

איין קעשענע, לויט וויא איך האב פריהער דערמאָהנט, איז ניט אונטערזוכט געוואָרען דאָרט זיינען געלעגען מיינע ברילען, וועלכע איך פלעג צייטענווייז טראָגען, ווייל איך האב שוואכע אויגען. אויסער דעם האב איך נאך דאָרט געהאט א קליינעם שפּאקטיוו אונד אנדערע קלייניגקייטען, וועלכע האבען דעם קייזער ניט געקענט בעקימערן, אונד איך האב מיך ניט געשפּירט פערפליכטעט אין מיין עהרע זייא איהם צו ווייזען. איך האב גערעכענט, אז זייא קענען פערלוירען געהען אָדער קאליע ווערען, ווען איך וועל זייא ארויס געבען.

קאפיטעל 3.

דער פערפאַסער אונטערהאַלט דעם קייזער מיט זיינע אַדעל־מענער אונד פרויען אויף איין אונגעוועהנליכער אַרט. — אַ בע־שרייבונג איבער דיא אונטערהעלטע אין הויף פון ליליפוט לאַנד. — דער פערפאַסער קריעגט זיין פרייהייט אונטער געוויסע בעדינגונגען.

מיין צערטליכקייט אונד גוטע בענעהמונג האט אזא איינדרוק געמאכט אויף'ן קייזער אונד זיין הויף, וויא אויך אויף דער אַרמעע אונד דאס גאַנצע פאָלק, דאס איך האב אָנגעפאַנגען צו האָפען, אז איך וועל קריעגען מיין פרייהייט אין א קורצער צייט.

איך האב מיר גענומען דיא גרעסטע מיה נושא חן צו זיין בייא יעדען. דיא בעפעלקערונג האט זיך אָנגעפאַנגען צו איבערצייגען, אז זייא האבען ניט צו ער־ווארטען קיין געפאהר פון מיר.

מאנכע מאל פלעג איך מיך אוועק לעגען אונד לאָזען 5 אָדער 6 פון דיא מענשעלעך טאַנצען אויף מיין האנד; דאן האבען שוין אויך געוואגט צו צוקומען דיא אינגלעך אונד מיידלעך, צו שפּיעלען אין בעהעלטעניש צווישען מיינע האאר.

איך האב אויך געמאכט א גוטען פאָרטשריט אין שטודירען אונד פערשטעהען זייער שפּראַך.

אין א טאָג האט דער קייזער בעשלאָסען מיך צו אונטערהאַלטען בייא עטליכע לאַנדעס־פאָרשטעללונגען, וואו איך האב מיך איבערצייגט, אז דיא מענשעלעך פון ליליפוט לאַנד איבערשטייגען אַלע אַנדערע נאַציאָנען אין קונסט אונד פראַכט.

קיין זאך האט איבער מיר געמאכט אזא איינדרוק וויא דאס טאַנצען אויף שטריק. דיא שטריק האבען בייא מיר אויסגעזעהען וויא דינע ווייסע פאָדעם, אויס־געצויגען אונגעפעהר אויף א שטרעקע פון 2 פוס אונד 12 צאָלל הויך פון דער ערד. איך נעהם מיר דיא פרייהייט מיט דעם לעזער'ס געדולד אום צו בעשרייבען דיעזע פאָרשטעלונג.

דיעזער אונטערהאַלט ווערט נאָר דורכגעפיהרט פון אַזעלכע פערזאָנען, וועלכע זיינען קאַנדידאַטען פיר גרויסע עמטער אונד איינפלוס אין קייזערליכען הויף. זייא

ווערען ערצויגען אין דיעזער קונסט נאך פון זייער יוגענד, אונד זייא זיינען ניט אימער פון קיין אדעל־געבורט אָדער א ליבעראלע בילדונג.

ווען א גרויסעס אמט ווערט לעער, ענטוועדער דורך דעם טויט פון דעם בע־אמטען, אָדער דורך דעם וואס מען האט דעם בעאמטען ארונטער געוואָרפען אונד געשענדעט (וואס פאסירט זעהר אָפט,) דאן ערזוכען 5 אָדער 6 קאנדידאטען פיר דעם אמט דעם קייזער אונד דעם הויף, אום צו געבען פאר זייא א פאָרשטעללונג אין שטריק־טאנצען. ווער עס שפרינגט אריבער העכער אונד פאלט ניט, דער קריעגט דאס אמט.

זעהר אָפט ווערען אויפגעפאָרדערט דיא גרעסטע מיניסטאָרען צו בעווייזען זייער קונסט, אום צו איבערצייגען דעם קייזער, אז זייא האבען נאך ניט פערלוירען פון זייערע פעהיגקייטען.

פלימנאפ, דער קריעגס־מיניסטער, איהם איז ערלויבט, אָדער, בעסער געזאגט, ער דארף מאכען א גרעסערן שפרונג איבער דעם שטריק, וועניגסטענס מיט א צאָלל העכער וויא דיא אנדערע לאָרדען אין לאנד. איך האב איהם געזעהען זיך עטליכע מאל איבערקעהרען ביים שפרונג אריבער דעם שטריק אונד ער איז אימער גע־בליעבען שטעהען אויף זיינע פיס.

מיין פריינד רעד רעסייל, דער הויפט־סעקרעטער פיר פריוואט־אנגעלעגענ־הייטען, איז, נאך מיין מיינונג, אויב איך בין נאָר ניט פארטייאיש, דער צווייטער נאך דעם פינאנץ־מיניסטער. דיא איבריגע בעאמטע שטעהען כמעט אלע גלייך.

דיעזע אונטערהעלטע ווערען זעהר אָפט בעגלייטעט מיט גרויסע אונגליקען, אונד לאנגע ליסטען פון פעראונגליקטע געפינען זיך שוין. איך אליין האב שוין גע־זעהען א צווייא אָדער דרייא קאנדידאטען זיך צוברעכען א פוס.

אָבער דיא געפאהר איז נאך גרעסער, ווען דיא מיניסטאָרען זעלבסט ווערען אויפגעפאָרדערט צו בעווייזען זייער קונסט. דיא אורזאכע דערפון איז, דאס צור צייט וואס זייא בעמיהען זיך איינער דעם אנדערן צו איבערטרעפען, שטרענגען זייא זיך אזוי פיעל אָן, אז עס איז אונמעגליך יעמאנד פון זייא זאָל ניט פאלען. אנדערע זיינען שוין געפאלען עטליכע מאל.

מען האט מיר דערצעהלט, דאס מיט א פאאר יאָהר צוריק איידער איך בין אהין געקומען, וואָלט פלימנאפ זיך געווים צובראָכען זיין האלזנאקען, ווען דעם קייזער'ס א קישען, וועלכעס איז דורך א צופאל ארונטער געפאלען, וואָלט ניט אבגעשוואכט דעם פאלל.

עס איז דאָ נאָך איין אונטערהאַלט, וועלכער ווערט נאָר געצייגט פאַר דעם קייזער מיט דער קייזערין אונד דעם פּרעמיער מיניסטער. דער קייזער לעגט אוועק אויף'ן טיש 3 פּיינע זיידענע פאָדעמס צו 6 צאָלל לאַנג; איינער איז בלוי, דער אַנדערער רויט, אונד דער דריטער גרין.

דיעזע פאָדעמס זיינען בעשטימט אַלס פּרייז פיר דיעזע פּערזאָנען, וועלכע דער קייזער וויל בעזאָנדערס אויסצייכענען מיט זיין גנאַדע. דיא צערעמאָניע קומט פאָר אין קייזער'ס גרויסען שטאַאַטס־זאַלאָן, וואו דיא קאַנדידאַטען ווערען פּראָבירט אין זייער פעהיגקייט.

דיעזע פּראָבע איז שטאַרק פערשיעדען פון דער ערשטער, אונד איז פון אַזאַ אַרט, וועלכע איך האָב ניט געזעהען אין קיין לאַנד פון דער אַלטער אונד נייער וועלט. דער קייזער האַלט אַ שטעקען צווישען זיינע צוויא הענד אויסגעשטרעקט, וועהרענד דיא קאַנדידאַטען טרעטען פאָר איינציגווייז. מאַנכער שפּרינגט אַריבער דעם שטעקען, איין אַנדערער קריכט אַרונטער, ריקווערטס אונד פאָרווערטס אייניגע מאָל, לויט וויא דער קייזער דרעהט מיט דעם שטעקען. יעדער שפּרינגט וויא איין אַבגעריכטעטער הונד אין אונזערע לענדער. מאַנכע מאָל האַלט דער קייזער איין זייט שטעקען אונד דער פּרעמיער דיא אַנדערע זייט; אַמאָל האַלט דער פּרעמיערביידע זייטען. ווער עס צייגט מעהר געשווינדיגקייט אונד צייכענט זיך אויס אין שפּרינגען אונד קריכען, ווערט בעלוינט מיט דעם בלוי־קאָלירטען פאָדעם; דער רויטער ווערט געגעבען צום צווייטען אין פעהיגקייט צו קריכען אונד שפּרינגען, אונד דער גרינער צום דריטען.

יעדער איינער וואס קריעגט אַזאַ פאָדעם, טראָגט איהם אַרום זיין גאַרטעל אַלס אַ גרויסע עהרע, אונד מען זעהט זעהר וועניגע אין קייזערליכען הויף וואס זאָלען ניט טראָגען אַזעלכע פאָדעמס.

דיא פערד פון דער אַרמעע אונד דיעזע פון דעם קייזערליכען שטאַל, וועלכע מען פלעגט פאַר מיר יעדען טאָג פאָרפיהרען, האָבען זיך שוין מעהר ניט נעשראָקען, זאָנדערן זייא פלעגען צוקומען ביז צו מיינע פיס אָהן מורא.

איך פלעג אַרונטער לעגען מיין האַנד צו דער ערד אונד מאַנכע רייטער מיט זייערע פערד זיינען אַרויף געשפּרונגען אויף דער דאָלאָניע. איינער פון דעם קייזער'ס יעגער, אַ בעריהמטער רייטער מיט זעהר אַ גוטעם פערד, האָט אין אַ טאָג בע־וויעזען זעהר אַ גרויסע קונסט; ער איז אַריבער געשפּרונגען מיט זיין פערד איבער דעם גאַנצען אונטערשטען טהייל פון מיין פוס.

אין אַ טאָג האָב איך געהאַט דיא עהרע צו אונטערהאַלטען דעם קייזער אויף

איין אינטערעסאנטער ארט. איך האב געבעטען מען זאָל מיר געבען עטליכע שטעקענס צו 2 פוס הויך אונד זייא זאָלען זיין אזוי דיק, וויא אונזערער א געוועהנ־ליכער שפּאציר־שטעקען. דער קייזער האט גלייך געהייסען דעם אויבער־אויפזעהער פון זיינע וועלדער מען זאָל מיך דערמיט בעזאָרגען. אויף'ן אנדערן מאָרגען זיינען אָנגעקומען זעקס וואלד־ארבייטער מיט 6 וועגנס, יעדער געפיהרט פון 8 פערד, גע־פּאקט מיט דיא פערלאנגטע שטעקענס.

איך האב גענומען 9 פון דיזע שטעקענס אונד זייא אריין געשטעקט פעסט אין דער ערד, אין א רונדער פאָרמע. דאן האב איך גענומען 4 אנדערע שטעקענס אונד זייא צוגעבונדען בייא דיא עקען וויא א פיער־עק. דארויף האב איך אויפגע־צויגען מיין טאשענטוך אונד דאן האב איך דאס אלעס בעפעסטיגט אויף דיא 9 שטעקענס אין דער ערד. איך האב גוט אויסגעצויגען דאס טאשענטוך, ביז עס איז געוועזען אזוי פעסט וויא א פויק.

ווען איך האב פערטיג געמאכט מיין ארבייט, האב איך געבעטען דעם קייזער ער זאָל צו שיקען א באטאליאָן רייטער, 24 אין דער צאָהל, זייא זאָלען זיך מושטירען אויף מיין טאשענטוך.

זיינע מאיעסטעט האט איינגעשטימט צום פאָרשלאג, אונד נעהמענדיג דיא רייטער מיט דיא פערד איינציגווייז אין מיינע הענד, וועלכע זיינען געווען פאלקאָמען בעוואפענט, האב איך זייא מיט זייערע אָפיצירען ארויף געשטעלט.

וויא זייא האבען זיך אויסגעשטעלט אין אָרדנונג, האבען זייא זיך פערטהיילט אין צווייא פּארטייען אונד אָנגעפאנגען א מאנעווער, שיסענדיג מיט שטומפּפיגע פיילען, פּאָבענדיג מיט זייערע שווערטען, יאָגענדיג איינער דעם צווייטען, אָנגרייפען, צוריק ציהען. קורץ, איך האב ענטדעקט דיא בעסטע מיליטערישע טאקטיק אונטער זייא.

דיא זייטען־שטעקענס האבען געדיענט אלס א שוטץ־וואנט פאר דיא רייטערס אונד זייערע פערד, זייא זאָלען ניט ארונטער פאלען. דער קייזער איז געוועזען אזוי ערפרייט דאריבער, דאס ער האט געהייסען ווידערהאָלען דיזע פאָרשטעללונג איינינע טעג דורכאנאנד.

איינמאל האט זיין גנעדיגע מאיעסטעט זעלבסט איינגעשטימט איך זאָל איהם ארויף שטעלען אויף דעם מושטיר־פּלאטץ אונד ער זעלבסט זאָל קאָמאנדירען. נאך שווערער מיה, האט דער קייזער קוים בעוואויגען דיא קייזערין, זיא זאָל מיר ער־לויבען איך זאָל זיא האלטען מיט איהר שטוהל אין מיין האנד צווייא עללען ווייט

פון דעם הויכען מושטיר־פּלאַטץ, דאַמיט זיא זאָל קענען גוט זעהען דיא גאַנצע פאָרשטעללונג.

עס איז געווען מיין גליק, וואס עס האט קיין אונגליק פּאַסירט בייא דיעזע פאָרשטעללונגען. בלויז איינמאל האט זעהר א ווילדעס פערד פון א קאַפּיטאַן, אָנגעפאַנגען שטאַרק צו קלאַפּען מיט זיין פּאָדקאָווע, אונד געמאַכט א לאָך אין מיין טאַשענטוך; זיין פוס איז אריין אונד דער רייטער איז אַרונטער געפאַלען. אָבער איך האב באַלד געאיילט צו הילפע. צוהאַלטענדיג דאס לאָך מיט מיין האַנד אנדערע זאָלען ניט אריין פאַלען, האב איך מיט דער אַנדערער האַנד גלייך יעדען אַרונטער געשטעלט, גראַדע וויא איך האב זייא אַרויף גענומע

דאס פערד וואס איז געפאַלען, האט זיך אויסגעלינקט דעם לינקען שולטער, אָבער דעם רייטער האט עס גאר ניט געשאַדעט. איך האב אפילו באַלד פעררוכט מיין טאַשענטוך אזוי גוט וויא איך האב געקענט, נאָר איך האב מיך שוין מעהר ניט געוואָלט פערלאָזען דארויף בייא אזא געפעהרליכער אונטערנעהמונג.

מיט א פּאַאר טעג פריהער איידער מען האט מיר געגעבען מיין פרייהייט, ווערענד איך האב אונטערהאַלטען דעם הויף, איז אָנגעקומען איין עקסטרא פּאָסט אום מיטצוטהיילען דעם קייזער, דאס מאַנכע פון זיינע אונטערטהאַנען, פאָהרענדיג איבער דעם פּלאַטץ וואו מען האט מיך צו ערשט געפאַנגען, האט מען געפונען א גרויסען אונד שווארצען געגענשטאַנד. דיעזער איז געלעגען אויף'ן גראָז אונד האט זעהר א קאָמישע פּאָרמע, אונד איז אזוי גרויס וויא זיינער מאַיעסטעט'ס שלאָף־צימער. אין דער מיטע איז ער אזוי הויך וויא א מענש. איין אונטערזוכונג האט זייא בעוויעזען, אז דאס איז ניט קיין לעבעדיגע זאַך, ווייל עס איז געלעגען אויף'ן גראָז אָהנע זיך צו בעוועגען, אונד מאַנכע פון זייא זיינען געגאַנגען אַרום אונד אַרום עטליכע מאל. איינער האט זיך אַרויף געשטעלט אויף דעם אַנדערן'ס שולטער אונד איז אַרויף געקראָכען אויבען דאס האט דער מאַן בעמערקט, אז דער געגענ־שטאַנד איז גראַד אונד גלאַט, נאָר קלאַפּענדיג מיט זיין פוס דארויף, האט ער זיך איבערציינט, אז אינוועניג איז דאס לעער אָדער אויסגעהוילט.

דאַן האבען זייא געזאגט, דאס אין פאַל זיינע מאַיעסטעט וויל, וועלען זייא דאס אריין ברענגען אין שטאָדט מיט 5 פערד.

איך האב באַלד פערשטאַנען וואס זייא מיינען, אונד עס האט מיך אויך גע־פרייט צו הערען דאַריעבער.

עס שיינט, אז וויא איך האב נאָר וואס געגרייכט דעם ברעג, בין איך געווען זעהר פערווירט, אונד איך האב אירגענדוואו דאָרט פערלוירען מיין הוט,

רעכענענדיג, אז ער איז פערלוירען געגאנגען אין ים. דאס איז געווען, וואהרשיינליך, איידער איך האב מיך נאך געלעגט שלאָפען.

איך האב ערזוכט זיין קייזערליכע מאיעסטעט, אז ער זאָל ארויס געבען א בעפעהל דער געגענשטאנד, דאס הייסט, מיין הוט, זאָל צו מיר געבראכט ווערען אזוי שנעל וויא מעגליך. אויף'ן צווייטען טאָג, איז אָנגעקומען א וואָגען ברענגענדיג מיין הוט, אָבער ליידער איז ער מעהר ניט געווען אין קיין גוטען צושטאנד.

זייא האבען אויף צווייא פלעטצער אויסגעבויערט לעכער אונד אריין געשטעקט האָקענס, וועלכע זיינען געווען בעפעסטיגט מיט שטריק. זייא האבען דעם הוט וואהרשיינליך ניט געקענט ארויף ציהען אויף'ן וואָגען, אונד אזוי האבען זייא איהם געשלעפט איבער איין ענגלישע מייל ביז אין שטאָדט אריין.

נאָר אזוי וויא דער באָדען איז דאָרט זעהר גלאַט, האט דער הוט ניט געליטען אזוי פיעל שאדען וויא איך האב געקענט ערווארטען.

מיט צווייא טעג נאך דיעזער צוטרעפונג, האט דער קייזער געהייסען זיין גאנצע ארמעע זיך פאָרבערייטען, אונד עס איז געגעבען געוואָרען א זעלטענע פאָר־שטעללונג.

ער האט פערלאנגט, אז איך זאָל שטעהען וויא א טהורם מיט מיינע פיס צושפרייט אזוי שטארק וויא מעגליך. דאן האט ער געהייסען זיין גענעראל, (וועלכער איז געווען איין אַלטער אונד ערפאהרענער קאָמאנדאנט אונד מיינער איין אנ־הענגער,) ער זאָל מושטירען דיא טרופען אונד מיט זייא דורכמארשירען צווישען מיינע פיס.

אינפאנטעריע אונד קאוואלעריע, מיט פויקען אונד פאָהנען, אַלעס האט בע־דארפט דורכגעהען וויא אויף א פאראדע. דיא ארמעע איז בעשטאנען פון דרייא טויזענד פוס־געהער אונד טויזענד רייטער.

זיינע מאיעסטעט האט ארויס געגעבען א בעפעהל, דאס אירגענד יעמאנד, וואס וועט אָנגרייפען מיין פערזאָן, אין דער בעציהונג צו אנשטאנד, זאָל בעשטראפט ווערען מיט'ן טויט. אָבער דאס האט דאָך ניט געקענט פערהינדערן מאנכע יונגע אָפיצירען אויפצוהויבען זייערע קעפ אונד קוקען ארויף בשעת זייא זיינען פארבייא געגאנגען אונטער מיר. אונד, צו זאגען דיא וואהרהייט, זיינען מיינע הויזען דאמאלס געווען אין אזא טרויעריגען צושטאנד, אז דאס האט געגעבען דיא געלעגענהייט פיר געלעכטער אונד בעוואונדערונג.

איך האב שוין געהאט אָבגעשיקט אזוי פיעלע בקשות פיר מיין פרייהייט, דאס זיינע מאיעסטעט האט ענדליך ערא‌ינערט דאריבער, ערשטענס אין מיניסטער־

קאבינעט אונד דאן פאר דעם פארלאמענט, וואו קיינער האט ניט געהאט דאנגעגן, אויסער סקירעש באלגאלאם, וועלכער איז געוועזן מיין טויט־שונא אהן אירגענד איין אורזאכע. אבער דער פארשלאג פיר מיין בעפרייאונג איז דאך דורכגעפיהרט געווארען אונד דער קייזער האט דאס בעשטעטיגט.

סקירעש באלגאלאם, איז געווען דער גאלבעל, אדער דער אדמיראל אונד האט געשפיעלט דיא ראלע אלס דעם קייזער׳ס פערטרויעטער. ער איז אויך געווען גוט בעקאנט מיט דיא אנגעלעגענהייטען פון דעם לאנד, אבער ער איז אימער געווען מרה־שחורה׳דיג, ניט צופריעדען מיט זיך אונד מיט דער גאנצער וועלט, אונד בייא דער מינדעסטער זאך האט ער געמאכט אזא זויער פנים, גלייך וויא ער וואלט עהאט בויך־וועהטאג.

ענדליך האט מען אבער געווירקט אויף איבער איהם ער זאל איינשטימען צו מיין פרייהייט, אבער ער האט געפועל׳ט, מען זאל איהם לאזען אויפשרייבען דיא ארטיקלען אונד קאנדיציאנען אונטער וועלכע איך זאל פרייא ווערען, אונד פיר וועלכע איך וועל מוזען שווערען צו האלטען.

דיעזע ארטיקלען האט מיר סקירעש באלגאלאם פערזענליך געבראכט. ער איז געקומען מיט צווייא סעקרעטערע אונד איינינע אנדערע וויכטיגע פערזאנען.

נאכדעם וויא דיא ארטיקלען זיינען פאר מיר פארגעלעזען געווארען, בין איך ערזוכט געווארען צו שווערען אז איך וועל זייא מקיים זיין. דיא שבועה האט ערשטענס בעדארפט זיין לויט דעם מנהג פון מיין לאנד, אונד דאן לויט דיא געזעטצע פון ליליפוט לאנד.

דאס געזעטץ פון ליליפוט לאנד האט געלויטעט, אז איך דארף האלטען מיין רעכטען פוס אין מיין לינקער האנד, דאן זאל איך לעגען דעם מיטעלסטען פינגער פון מיין רעכטער האנד אויף מיין שארבען אונד מיט דעם גראבען פינגער זאל איך צו האלטען מיין אויער.

נאר וויסענדיג אז דער לעזער איז געוויס נייגעריג צו האבען א בעגריף איבער דיא מנהגים פון דיעזען מערקווירדיגען פאלק, וויא איבער דיא ארטיקלען דורך וועלכע איך האב געקריעגען מיין פרייהייט, האב איך אלעס איבערזעטצט, ווארט אין ווארט, אזוי פינקטליך וויא נאר מעגליך, אונד דא גיב איך איבער אלעס פאר׳ן פובליקום: —

„גאלבאסטא מאמא־עם עוולאמע גורדילא שעפין מוללי אוללי גוע.

„פיעל מעכטיגער קייזער פון ליליפוט, פרייד אונד שרעק פון דער גאנצער וועלט, וועלכען׳ס הערשאפט בריימעט זיך אויס אויף פינף טויזענד בלוסטרוגס

m

(אונגעפעהר 12 קוואדראט מיילען) ביז צום ענדע פון דעם ערד־קוגעל; מאַנארך פון אלע מאָנארכען, העכער פון דיא מענשען־זיהן; וועלכען'ס פים פרעסען ארונטער ביז צום מיטעלפונקט, אונד וועלכען'ס קאָפּ ריהרט אָן דיא זונן; בייא וועלכען'ס קאָפּ־שאָקעל עס ציטערן דיא קניען פון דיא ערדישע פרינצען; אזוי שעהן וויא דער פריהלינג, אנגענעהם וויא דער זומער, פרוכטבאר וויא דער הערבסט, שרעקליך וויא דער ווינטער. זיין פיעל־ערהאבענע מאַיעסטעט שלאָגט פאָר צו דעם מענש־בארג, וואס איז לעטצטענס געקומען אין אונזערע הערר־ליכע הערשאפטען, פאָלגענדע ארטיקלען, וועלכע, דורך איין ערנסטע שבועה, זאָל ער זיין געצוואונגען צו ערפיללען:

1) דער מענש־בארג זאָל ניט אוועק פון אונזערע הערשאפטען אָהן אונזער איינשטימונג אונטער דעם גרויסען זיעגעל.

2) ער זאָל ניט וואגען צו קומען אין אונזער הויפּט־שטאָדט אָהן אונזער אויסדריקליכען בעפעהל, דאמיט אונזערע איינוואָהנער זאָלען מיט 2 שטונדען פריהער געווארענט ווערען צו פערבלייבען אין זייערע הייזער.

3) דער געגאנטער מענש־בארג זאָל נאָר שפּאַצירען אויף אונזערע גרויסע וועגען, אונד ער זאָל ניט בעטרעטען אָדער זיך אוועק לעגען אויף אונזערע קאָרן־פעלדער.

4) געהענדיג אויף דיא ערלויבטע וועגען, זאָל ער גוט אכטונג געבען ניט ארויף צו טרעטען אויף דיא קערפּערס פון אונזערע ליעבע אונטערטהאנען, אויך ניט אויף זייערע פערד אונד דראָשקעס; ער זאָל אויך ניט נעהמען קיין איינ־ציגען פון אונזערע אונטערטהאנען אויף זיינע הענד, אָהן זייער איינשטימונג.

5) ווען איין עקסטרא פּאָסט מוז מאכען איין אונגעוועהנליכע שנעלע רייזע, זאָל דער מענש־בארג געצוואונגען זיין צו טראָגען אין זיינע קעשענעס דעם שליח אונד פערד א רייזע פון 6 טעג. דאס זאָל געשעהען ניט ווענינער וויא איין מאל אין יעדען מאָנאט, אונד צוריק ברענגען דעם געגאנטען שליח (אויב דאס איז נאָר נעטהיג,) אין זיכערהייט צו אונזער לאנד.

6) ער זאָל זיין אונזער פעראייניגטער געגען אונזערע שונאים פון דער אינזעל בעלפוסקו, אונד טהון אלעס מעגליכע צו צערשטערען זייער פלאָטע, וועלכע מאכט יעטצט אלע פּאָרבערייטונגען אונז צו בעפאלען.

7) דער געגאנטער מענש־בארג זאָל, אין זיינע לעערע שטונדען, אונטער־שטיטצען אונד העלפען אונזערע ארבייטער, אויפצוהויבען גרויסע שטיינער אום

צו בעדעקען דיא וואנט פון דעם גרויסען פארקען אונד אויך פיר אנדערע פון אונזערע קייזערליכע געביידען.

8) דער גענאנטער מענש־בארג זאָל אויך, אין 2 מאָנאט צייט, אויסמעסטען אָדער ארום געהען אונזערע לענדער, אונד זאָל אונז אָבגעבען א בעריכט וויפיעל פון זיינע שפאַן דאס ענטהאלט.

„אונד, שליסליך, זאָל ער אויף זיין היילינגסטער שבועה בעפאָלגען דיא גענאנטע ארטיקלען, אונד דער מענש־בארג זאָל קריעגען טעגליך גענוג עסען אונד טרינקען גענוג פיר 1724 פון אונזערע אונטערטהאנען, וועלכעס בילדעט זיין נעטהיגע פּאָרציאָן. ער זאָל אויך האבען פרייען צוטריט צו אונזערע פּערזאָן אונד אנדערע פּריווילעגיען.

„דאס אלעס איז ארויס געגעבען געוואָרען אין אונזער פאלאסט פון בעלפאַבאראק, אם 12־טען טאָג פון דעם 91־טען מאָנאט פון אונזער־רעגירונגס־צייט.“

איך האב געשוואוירען אונד זיך אונטערשריעבען אויף דיעזע ארטיקלען מיט פערגניגען אונד צופריעדענהייט. מאנכע ארטיקלען זיינען אפילו ניט געווען פאסענד פיר מיין עהרע, אָבער איך האב מיר ניט געקענט העלפען, סקירעש באָלאָגלאם איז געווען מיין שונא אונד אזוי האט עס געמוזט בלייבען.

מיינע קייטען זיינען גלייך ארונטער גענומען געוואָרען אונד איך האב געקריעגען מיין פרייהייט.

דער קייזער אליין, פּערזענליך, האט מיר אָבגעגעבען דיא עהרע, דערמיט וואס ער איז ערשיענען צו דער צערעמאָניע. איך האב געציינט מיין דאנקבארקייט, דאמיט וואס איך האב מיך געוואָרפען צום קייזער'ס פיס; אָבער ער האט מיר געהייסען אויפשטעהען, אונד נאכדעם וויא איך האב מיך זעהר בעדאנקט, האט ער געזאגט:

„איך וויל האָפען, אז איך וועל אין דיר האבען א ניטצליכען דיענער, וועלכער זאָל פערדיענען אלע גנאדען וואס איך האב דיר געציינט, אָדער וואס איך וועל דיר נאך ציינען אין דער צוקונפט.“

דער לעזער האט געוויס בעמערקט, אז אין דעם לעטצטען ארטיקעל פון דעם דאָקומענט וואס האט מיר געגעבען מיין פרייהייט, איז געווען איינגעשריעבען, אז מען זאָל מיר געבען עסען אונד טרינקען יעדען טאָג וואס זאָל גענוג זיין פיר 1724 ליליפּוטאנער. מיט א קורצער צייט שפּעטער, אלס איך האב נעפרעגט מיינעם א פריינד, וויא עס קומט וואס מען האט געוואוסט אקוראט פון אזא צאָהל, האט ער מיר ערקלערט, אז זיינער מאַיעסטעט'ס מאטהעמאטיקער, האבען אָבגעמאָסטען דיא

הויכקייט פון מיין קערפער, אונד זעהענדיג, אז דאס שטעהט געגען זייערע קערפער, וויא 12 צו 1, האבען זייא בעשלאָסען, אז מיין שווערקייט מוז זיין וויא 1724 פון זייערע מענשען. פאָלגליך האב איך בענעטהיגט אזוי פיעל שפייז.

דער לעזער קען זיך דאָ אלזאָ פאָרשטעלען דיא שארפזיניגקייט פון דיעזען פאָלק, וויא אויך דיא פאָרזיכטיגקייט אונד עקאָנאָמיע פון דעם גרויסען קייזער.

קאפּיטעל 4.

א בעשרייבונג איבער מילדענדאָ, דיא הויפּט-שטאָדט פון ליליפּוט, צוזאַמען מיט דעם קייזער'ס פּאַלאַסט. — איין אונטער-רעדונג צווישען דעם פּערפאַסער אונד א הויפּט סעקרעטער איבער דיא אַנגעלעגענהייטען פון דער מדינה. — דער פּער-פאַסער ערקלערט זיך בערייט צו דיענען דעם קייזער אין זיינע מלחמות.

נאכדעם וויא איך האב ערהאלטען דיא פרייהייט, איז מיין ערשטע בקשה געוועזן, מען זאָל מיר ערלויבען איך זאָל זעהען דיא הויפּטשטאָדט מילדענדאָ. דער קייזער האט דאס מיר באלד ערלויבט. אָבער ער האט מיר אָנגעזאגט, איך זאָל אכטונג געבען אונד ניט שאדען דיא איינוואָהנער אָדער זייערע הייזער.

דאס פאָלק האט ערהאלטען צו וויסען, דורך א ספּעציעלע פּראָקלאַמאציאָן, אז מיין אבזיכט איז צו בעזוכען דיא שטאָדט.

דיא וואנט אָדער מויער וואס האט ארום געריגנעלט דיא שטאָדט, איז צוויא אונד א האלב פוס הויך אונד וועניגסטענס עלף צאָלל דיק, זאָ דאס א דראָשקע מיט פערד האט זעהר לייכט געקענט אויף איהר ארום פאָהרען. דיא מויער האט אויך גרויסע טהורמס 10 פוס וויט איינעם פון אנאנדער.

איך האב אריבער געשפּאַנט איבער דעם גרויסען וועסט-טויער אונד בין פאָרזיכטיג געגאנגען איבער דיא צוויא הויפּט-שטראסען, טראָגענדיג נאָר מיין וועסט אונד ניט מיין ראָק, וויל איך האב מורא געהאט, אז מיט דעם ראָק וועל איך בעשעדיגען דיא הייזער אונד דיא בלומען ארום זייא.

איך האב שפּאַצירט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט, אונד איך האב אכטונג געגעבען ניט צו צערטרעטען יעמאנדען וואס איז געבליעבען אויף דער

שטראסע, אָבוואָהל דער קייזער האט ארויס געגעבען א בעפעהל יעדער זאָל זיין אין דיא הייזער, אונד ווען ניט, דאן וועט דער געשעדיגטער אליין שולדיג זיין.

דיא דאך־פענסטער אונד דיא שפיטצען פון דיא הייזער, זיינען געוועזען אזוי געפאקט מיט מענשען, אז איך האב געגלויבט, דאס אויף אַלע מיינע רייזען, האב איך נאך ניט געזעהען קיין גרעסער בעפעלקערטע געגענד.

דיא שטאָדט איז גראדע א פיער־עק, אונד יעדע זייט ביז צו דער מויער, איז 500 פוס לאַנג. דיא צווייא גרויסע שטראסען וועלכע קרייצען זיך דורך אונד צער־טהיילען זיך אין 4 חלקים, זיינען צו 5 פוס ברייט.

דיא איינגאנגען אונד קאָרידאָרען, דורך וועלכע איך האב ניט געקענט אריין געהען אונד בלויז אויסגעקוקט, זיינען פון 12 ביז 18 צאָלל ברייט.

דיא שטאָדט קען האלטען ביז 500,000 מענשען, דיא הייזער זיינען געבויעט פון 3 אונד 4 שטאָק; דיא געשעפטס־הייזער אונד מארקען, זיינען גוט געפאקט מיט סחורה.

דעם קייזער׳ס פאלאסט איז אקוראט אין מיטען שטאָדט, וואו דיא צווייא גרויסע שטראסען בעגעגענען זיך. דער פאַלאסט שטעהט אויף איינגעשלאָסען אין א מויער 2 פוס הויך אונד 20 פוס דערוווייטערט פון דער געביידע.

זיינע מאיעסטעט האט מיר ערלויבט אריבער צו שפאַנען איבער דער מויער. דער פלאטץ צווישען דער מויער אונד דעם פאלאסט, איז דאן געוועזען גענוג גרויס אום איך זאָל קענען בעמערקען יעדע קלייניגקייט פון דער געביידע, נאטירליך פון דרויסען.

דער אויסווערטיגער הויף איז א פיער־עק פון 40 פוס, אונד אין דעם ליגענען נאך 2 אנדערע הויפען. אין דעם אינווייניגסטען הויף, געפינען זיך דיא קייזערליכע צימערן, וועלכע איך האב זעהר געוואָלט זעהען, אָבער דאס איז געוועזען זעהר שווער, ווייל דיא גרויסע טויערן, האבען מעהר ניט געהאלטען וויא 18 צאָלל ברייט.

דיא געביידען פון דעם צווייטען הויף, זיינען וועניגסטענס 5 פוס הויך, אונד עס איז מיר אונמעגליך געוועזען זייא אריבער צו שפאַנען אָהנע עפּעס צו בעשעדיגען, אָבוואָהל דיא ווענט זיינען שטארק געבויעט פון געהאקטע שטיינער אונד זייא זיינען 4 צאָלל דיק.

אין דערזעלבער צייט אָבער, האט דער קייזער זעהר געוואָלט איך זאָל זעהען דעם פראכט פון זיין פאַלאסט. נאָר דאס בין איך ניט אימשטאנדע געוועזען דורכ־צופיהרען, ביז מיט 3 טעג שפּעטער נאכדעם וויא איך האב אויסגעשניטען מיט

מיין מעסער דיא העבסטע בוימער פון דעם קייזערליכען גארטען, אונגעפעהר א הונדערט עללען פון דער שטאַדט.

פון דיעזע בוימער האב איך געמאכט צווייא ביינקלעך; יעדעס אונגעפעהר 3 פוס הויך, אונד שטארק גענוג מיך אויסצוהאַלטען.

נאכדעם וויא דאס פאָלק האט ערהאַלטען איין אנצייגע צום צווייטען מאַל, בין איך אריין דורך דער שטאָדט צום פּאַלאַסט מיט מיינע צווייא ביינקלעך אין דיא הענד. ווען איך בין צוגעקומען צום אויסווערטיגען הויף, האב איך מיך ארויף געשטעלט אויף איין ביינקעל אונד גענומען דאס צווייטע אין מיין האנד. דאס האב איך אויפגעהויבען איבער דעם דאך אונד דאס לאַנגזאם אוועק געשטעלט אויף דעם לעערען פּלאַטץ צווישען דעם ערשטען אונד צווייטען הויף, וואו עס איז געוועזען רוים אויף 8 פוס ברייט. דאַן האב איך אַריבער געשפּאַנט איבער דער געביידע, אָהן הינדערניסע פון איין ביינקעל אויף'ן צווייטען אונד ווידער אַריבער גענומען דאס ערשטע ביינקעל מיט א שטעקען וואס האט געהאט א האָקען.

אויף דיעזער אַרט, בין איך אריין אין אינוועניגסטען הויף. דאַן האב איך מיך אוועק געלעגט אויף א זייט אונד צוגעלעגט מיין געזיכט צו דיא פענסטער פון דעם מיטעלסטען שטאָק, וועלכע זיינען געלאַזען געוואָרען אָפען ספּעציעל פיר מיר, אונד איך האב דאָרט ערבליקט דיא שענסטע צימערן וואס איך האב מיר געקענט פאָרשטעלען.

דאָרט האב איך געזעהען דיא קייזערין אונד יונגע פּרינצען אין זייערע פּער־שיעדענע וואָהנונגען, מיט זייערע הויבע בעדיענטע אַרום זייא. איהר קייזערליכע מאַיעסטעט האט געהאט דיא גנאדע צו מיר זעהר ליעבענסווירדיג צו שמייכלען, אונד זיא האט אַרויס געשטעקט פון דעם פענסטער איהר האַנד איך זאָל זיא קושען.

אָבער איך וויל ניט פאָראויס דערצעהלען דעם לעזער פון אַזעלכע זאַכען, ווייל איך לאָז דאס צוריק פיר א גרעסערעס ווערק, וועלכעס איז שוין באַלד פערטיג פון דרוק, וואו עס ענטהאַלטעט איין אַלגעמיינע בעשרייבונג פון דיעזען קייזערטהום, זייט עס איז געגרינדעט געוואָרען ביז נאך א לאַנגער רייהע הערשער. עס וועט איבערהויפּט זיין בעשריעבען איבער זייערע מלחמות אונד פּאָליטיק, געזעטצע, בילדונג אונד רעליגיאָן; זייערע פּלאַנצונגען אונד חיות; זייערע מערקווירדיגע בענעהמונגען אונד מנהגים, וויא אויך אַנדערע מערקווירדיגע אונד ניטצליכע זאַכען.

מיין הויפּט ציעל איז יעטצט, בלויז צו דערצעהלען איבער אַזעלכע עראייגניסע

וואס האבען פאסירט אונטער דעם פאָלק אָדער מיט מיר זעלבסט וועהרענד דער צייט וואס איך האב געוואָהנט 9 מאָנאט אין דעם לאַנד.

אין א גאַנץ פריה, אונגעפעהר א פאאר וואָכען נאכדעם ווא איך האב גע־קריגען דיא פרייהייט, איז ערשיענען אין מיין הויז רעלדרעסאל, דער הויפט־סעקרעטער (וויא זייא פלעגען איהם רופען,) אונד ער איז נאָר געווען בעגלייטעט פון איין דיענער.

ער האט בעפוילען זיין דראָשקע זאָל אויף איהם ווארטען מיט א היבשע שטרעקע ווייטער, אונד פערלאַנגט איך זאָל איהם געבען אודיענץ אויף א שטונדע צייט. איך האב דערצו באלד איינגעשטימט דורך זיין ראַנג אונד פערזענליכע פערדיענסטע, וויא אויך פאר דיא פיעלע טובות וואס ער האט מיר געטהון וועהרענד מיינע בקשות צום הויף.

איך האב איהם אָנגעבאָטען מיך אוועק צו לעגען, דאמיט ער זאָל קענען בעקוועמער גרייכען מיין אויער. ער האט אָבער בעסער פאָרגעצויגען איך זאָל איהם האַלטען אויף מיין האנד וועהרענד אונזער אונטעררעדונג.

ערשטענס האט ער אָנגעפאנגען מיך צו גראטולירען צו מיין פרייהייט. דאן האט ער אזוי געזאגט:

„איך וואָלט פיעללייכט פערלאַנגט א דאנק דאפיר, אָבער, וויא דיא זאַך איז, בין איך ניט אין גאַנצען דיא אורזאַכע פון דיין פרייהייט. עס איז אויך מעגליך, דאס ווען עס וואָלט ניט געווען דורך דיא יעטצטיגע אונרוהיגע צושטענדען אין הויף, וואָלסטו דיין פרייהייט ניט אזוי שנעל געקריגען.“

איך האב איהם אָנגעקוקט ערשטוינט אונד ער האט פאָרטגעזעטצט:

„אונזער לאַגע איז ניט זעהר קיין גלענצענדע. מיר ווערען ערשטענס גע־דראָהעט פון איין אויסלענדישען שונא אונד דערצו האבען מיר צווייא פארטייען אין לאַנד זעלבסט, וועלכע האלטען אונז אימער וויא איבער א פייערשפייענדיגען בארג. דיא געפאהר פון א בעלאַגערונג פון דעם אויסלענדישען שונא, איז אויך זעהר נאהענט. וואס עס אנבעלאַנגט צו דיא אינלענדישע אונרוהען, וויל איך דיך בעקאַנט מאַכען, דאס עס זיינען שוין פאָראיבער 70 מאָנאט וואס דיעזע צווייא פארטייען קעמפפען אין לאַנד; דיא ערשטע איז דיא טראַמעקסאַן אונד דיא צווייטע דיא סלאַמעקסאַן. זייא ווערען אזוי גערופען פאר דיא הויכע אונד ניעדריגע קאָפּלען וואס זייא טראָגען אויף זייערע שיך.

„עס ווערט אונטערדעסען בעהויפטעט,“ האט ער ווייטער געזאגט, „אז דיא הויכע קאָפּלען האַלטען גאַנץ גוט פון אונזער אַלטע קאָנסטיטוציאָן; אָבער וויא

זיא זאָל ניט זיין, האט זיינע מאַיעסטעט בעשלאָסען זיך צו בעדיענען מיט דיא ניעדריגע קנאָפּלען בייא דער פערוואַלטונג פון דער רעגיערונג. דערצו בעלאַנגען נאָך אַלע עמטער צו דער קרוין, וויא דוא האסט שוין וואהרשיינליך בעמערקט.

„הויפּטזעכליך שפּיעלט דיא ראָלע,“ האט ער פּלוצלינג גזאגט מיט א זיפץ, „וואס דיא קנאָפּלען פון זיינער מאַיעסטעט, דער קייזער, זיינען ניעדריגער וועניגסטענס מיט א ד ר ו ר ר אַלס דיעזע פון אַלע זיינע הויפּלייט (א ד ר ו ר ר איז א מאָס אונד איז אונגעפעהר דער 14־טער טהייל פון א צאָלל). דיא שנאה צווישען דיעזע צווייא פּאַרטייען, איז שוין אַזוי וויט געשטיעגען, אַז זייא ווילען אפילו ניט עסען אונד טרינקען, נאָר דעבאַטירען איינער מיט אַנאַנדער.

„מיר רעכענען, אַז דיא ט ר אַ מ ע ק ס אַ ן, אָדער הויכע קנאָפּלען, איבער־שטייגען אונז אין דער צאָהל, נאָר דיא קראַפט ליעגט הויפּטזעכליך אין אונזערע הענד. מיר גלויבען אויך, אַז זיין קייזערליכע האָהייט, דער קרוין־פּרינץ, האט א נייגונג צו דיא הויכע קנאָפּלען; וועניגסטענס בעמערקען מיר, אַז איינער פון זיינע קנאָפּלען איז אַביסעל העכער פון דעם צווייטען אונד דאס פעראורזאכט וואס ער הינקט צו אַביסעל.

„יעטצט צווישען דיעזע אינערליכע אונרוהען, קענסטו דיר פאָרשטעלען וואס דאס בעדייטעט. ווען מיר שרעקען זיך נאָך פאר איין איבערפאַל פון דער אינזעל בלעפוסקו, וועלכעס איז דאס צווייטע גרויסע קייזערטהום אין דער וועלט, בייניאָהע אַזוי גרויס אונד מעכטיג וויא דאס פון זיינער מאַיעסטעט.

„וואס עס אנבעלאַנגט צו דעם וואס דוא האסט בעהויפּטעט, אַז עס געפינען זיך נאָך אַנדערע לענדער בעוואָהנט מיט אַזעלכע מענשען וויא דוא ביסט, צווייפלען זעהר אונזערע פילאָזאָפען, אונד זייא דענקען בעסער, אַז דוא ביסט אַרונטער גע־פאַלען פון דער לבנה אָדער פון עפּעס איין אַנדערן שטערן. ווייל עס איז א טהאַט־זאכע, אַז אַזעלכע הונדערט וויא דוא ביסט, וואָלט איהר באַלד געקענט צערשטערען אַלע פריכטע אונד בהמות פון זיינער מאַיעסטעט'ס הערשאַפט. אויסער דעם דער־מאָהנען גאר ניט אונזערע היסטאָריקער, פון 6000 מאָנאַט צוריק אירגענד וועלכע אַנדערע הערשאַפט אַלס דיעזע פון דיא צווייא גרויסע קייזערטהימער ליליפּוט אונד בלעפוסקו.

„דיעזע צווייא גרויסע מעכטע האבען, וויא איך האב דיר געוואָלט דערצעהלען, געפיהרט א פירכטערליכע מלחמה מיט 36 מאָנאַט צוריק.

„עס איז ענטשטאַנדען דורך פאָלגענדער אורזאכע: עס איז פיר יעדען בע־קאַנט, אַז דער אַלטער מנהג פון אויפברעכען איין איי, איידער מיר עסען דאס,

דארף זיין אויף דער ברייטער זייט. אָבער דער גרויס־פּאטער פון אונזער יעטצטיגער מאיעסטעט, ווען ער איז נאך געווען א אינגעל, האט ער געוואָלט עסען איין איי אונד דאס אויפגעבראָכען לויט דעם אַלטען מנהג. דערבייא האט ער זיך צושניטען א פינגער, אונד זיין פאטער, דער קייזער, האט אַרויס געגעבען א בעפעהל צו אלע זיינע אונטערטהאנען, אויפצוברעכען דיא אייער פון דער שמאָלער זייט, זאָנסט וועלען זייא שווער בעשטראפט ווערען.

„דאס פאָלק האט זיך אזוי ענטקעגען געשטעלט צו דיעזען בעפעהל, אז לויט וויא אונזערע היסטאָריקער דערצעהלען, האבען זעקס רעוואָלוציאָנען אויסגע־בראָכען דאריעבער, וואו איין קייזער האט פערלוירען זיין לעבען אונד דער צווייטער זיין קרוין.

„דיעזע צווייא מלחמות זיינען אונטערגעהעטצט געוואָרען דורך דיא הערשער פון בלעפוסקו; אונד ווען איין אויפשטאנד איז אונטערדריקט געוואָרען, זיינען אימער דיא אנפיהרער ענטלאָפען אין געגאנטען לאַנד.

„עס איז אויסגערעכענט געוואָרען, אז עלף טויזענד מענשען האבען וועהרענד דיעזער צייט בעסער בעצאָהלט מיט זייער לעבען, אלס זיך אונטערצוגעבען צו צער־ברעכען דיא אייער בייא דער שמאָלער זייט.

„איינינע הונדערט גרויסע ביכער זיינען אַרויס געגעבען געוואָרען איבער דיעזען ויכוח; נאָר דיא ביכער פון דיא ב י ג ־ ע נ ד י א נ ס, זיינען שוין לאנג פערבאָטען געוואָרען, אונד דיא גאנצע פּארטייא האט פערלוירען דאס רעכט צו בעקליידען איין אמט.

„וועהרענד דיעזע אונרוהיגע צייטען, האבען דיא הערשער פון בלעפוסקו זיך מעהרערע מאל בעקלאגט דורך זייערע אמבאסאדאָרען, בעהויפטענדיג, אז מיר זיינען אפּיקורסים דערמיט וואס מיר זיינען עובר געווען דיא פונדאמענטאלע לעהרען פון אונזער גרויסען נביא ל ו ס ט ר א ָ ג, אין דעם 54־טען קאפּיטעל פון ב ל ו נ ד ע ק ר א ל, וועלכעס איז זייער תורה.

„אָבער דאס אַלעס איז נאָר א פוסטער פלפול, דען, אין דער וואהרהייט גע־שפּראָכען, שטעהט אזוי געשריעבען: „אלע אמת'ע גלויבינע דארפען צוברעכען זייערע אייער בייא דער פּאסענדער זייט." אונד, דיא פּאסענדע זייט, לויט מיין אונ־טערטהעניגער אנזיכט, דארף מען איבער לאָזען צום אורטהייל פון יעדען מענשען'ס געוויסען, אָדער וועניגסטענס צו דער קראפט פון א הויפט־ריכטער ער זאָל דאס ענטשיידען.

„יעצט ווידער, האבען דיא בינ־ענדיאן פערטריעבענע אזוי נושא חן געווען אין הויף פון דעם בעלפוסקו קייזער, אונד זייא האבען אויך אזוי פיעל ערמונטערונג אונד הילפע פון זייער פארטייא בייא אונז אין לאנד, דאס א בלוטיגער קריעג איז נעפיהרט געווארען צווישען דיא צווייא פארטייען וועהרענד 36 מאנאט. דער זיעג איז געווען פערשיעדען. וועהרענד דיעזער צייט האבען מיר פערלוירען 40 מעכטיגע שיפען אונד נאך א גרעסערן צאהל קלענערע שיפען, צוזאמען מיט 30 טויזענד פון אונזערע בעסטע מאטראזען אונד סאלדאטען.

„דעם שאדען וואס דער שונא האט ערליטען, רעכענט מען נאך אויף אביסעל גרעסער. אבער, וויא דיא זאך איז, האבען דיא שונאים יעטצט אויסגעשטאטעט א מעכטיגע פלאטע, אונד זייא פארבערייטען זיך אונז צו בעפאלען. זיין קייזערליכע מאיעסטעט אבער, וועלכער האט זעהר פיעל פערטרויען אויף דיין קראפט אונד ווערטה, האט מיר בעפוילען איך זאל דיא גאנצע אנגעלעגענהייט פאר דיר פארלעגען.״

ווען איך האב דאס אלעס אויסגעהערט, האב איך מיטגעטהיילט דעם סעקרעטער, ער זאל איבערגעדען מיין אונטערטהעניגע פליכט צום קייזער, אונד איהם לאזען וויסען, „דאס אבוואהל איך דענק, אז עס פאסט ניט פאר מיר, אלס איין אויסלענדער, זיך אריין צו מישען אין פארטייען, בין איך דעננאך בערייט, אויף דער געפאהר פון מיין לעבען, צו פערטהיידיגען זיין פערזאן אונד שטאאט געגען אלע ערָאבערער.“

קאפיטעל 5.

דער פערפאסער, דורך איין אויסערארענטליכער קריעגס־טאקטיק, פערהינדערט ער דאס איינדרינגען פון דעם שונא. — א הויכער עהרענטיטעל ווערט איהם געגעבען. — געזאנדטע קומען אן פון דעם קייזער פון בלעפוסקו אונד פערלאנגען פריעדען. — דער קייזערין'ס צימערען צינדען זיך אן דורך א צופאלל; — דער פערפאסער רעטעט דעם איבריגען טהייל פון פאלאסט.

ליליפוט איז א טהייל פון דעם בריטען לאנד, וועהרענד דאס קייזערטהום צון בעלפוסקו ליענט אויף איין אינזעל אין דער נארד־אסט זייט.ביידע לענדער

זייען אָבגעטהיילט פון אנאנדער, דורך א קאנאל, וועלכער איז 800 עללען ברייט.

איך האב נאך דעם קאנאל ניט געזעהען, אונד אויף דער אנצייגע, אז דער שונא בעאבזיכטיגט איינצודרינגען אין לאנד, האב איך נאך מעהר אויסגעמיעדען דאָרט צו ערשיינען, דאמיט איך זאָל ניט ענטדעקט ווערען פון דעם שונא׳ס א שיף. אין בעלפוסקו האט מען נאך פון מיר ניט געהערט. יעדער פערקעהר צווישען דיעזע צווייא לענדער, איז געוועזען שטרענגס פערבאָטען וועהרענד דעם קריעג.

איך האב מיטגעטהיילט צו זיינער מאיעסטעט א פּלאַן וואס איך האב גע־מאכט, אום צו פאנגען דיא גאנצע פלאָטע פון דעם שונא. דיעזע פלאָטע, לויט וויא אונזערע שפּיאָנען האבען אונז מיטגעטהיילט, איז געלעגען פערטיג געאנקערט אין האפען, בערייט אָבצוזעגלען בייא דעם ערשטען גינסטיגען ווינט.

איך האב מיך בעראטהען מיט דיא ערפאהרענסטע זעע־לייטע איבער דעם טיעפקייט פון דעם קאנאל, וועלכע זייא האבען אָפטמאל פּראָבירט, אונד זייא האבען מיר געזאגט, אז אין מיטען איז ער זיעבציג גלומגלופפס טיעף, וועלכעס איז אונגעפעהר 6 פוס לויט אייראָפּעאישער מאָס, וועהרענד דיא אנדערע טהיילען, זיינען ניט מעהר וויא פופציג גלומגלופפס טיעף.

איך האב אוועק שפּאצירט צו דער נאָרד־אָסט קיסטע, געגענאיבער בלע־פוסקו, איך האב מיך אוועק געלעגט הינטער א פעלזען. דאן האב איך ארויס גענומען מיין קליינעם שפּאקטיוו אונד מיר בעטראכט דעם שונא׳ס פלאָטע אין אנקער. דיעזע איז בעשטאנען פון אונגעפעהר פופציג קריגס־שיפען אונד א גרויסער אנצאָהל טראנספּאָרט־שיפען.

נאכדעם בין איך אהיים געקומען אונד ארויס געלאָזען בעפעהלע (פיר וועלכע איך האב געקריעגען א ספּעציעלעס רעכט), דאס מען זאָל מיר ברענגען א גרויסע מאסע שטריק אונד אייזערנע שטאנגען.

דיא שטריק זיינען געוועזען אזוי דיק וויא אונזערער א פאָדעם אונד דיא שטאנגען אזוי לאנג אונד אזוי גרויס וויא אונזערע א העקעל־נאָדעל.

איך האב צוזאמען געלעגט דיא שטריק עטליכע מאל אום דאס צו מאכען שטארקער, אונד דאן האב איך אויך צוזאמען געדרעהט מעהרערע פון דיא שטאנגען אונד פון זייא געמאכט א האָקען.

אויף דיעזער ארט האב איך מיר געמאכט 50 האָקענס מיט גראדע אזוי פיעלע שטריק, אונד דערמיט בין איך ארויס געגאנגען צו דער נאָרד־אָסט קיסטע.

m

אַנקומענדיג אהין, האב איך מיר אויסגעצויגען מיין ראָק, שיך אונד זאָקען אונד בין אריין אין ים, וואו דאס וואַסער האט גערייכט ביז צו מיין לעדערנעם גאַרטעל.

דאַן האב איך אָנגעפאַנגען שנעל צו שווימען ביז איך בין אַריבער דעם קאַנאַל. נאך א האלבע שטונדע צייט, בין איך צוגעקומען צו דער פלאַטע.

דיא שונאים האבען זיך אזוי דערשראָקען ווען זייא האבען מיך דערזעהען, דאס זייא האבען אָנגעפאַנגען אַרויס צו שפּרינגען פון דיא שיפען אונד צו שווימען צום ברעג. דאָרט האב איך בעמערקט, זיינען געווען א דרייסיג טויזענד זעגלען.

דאַן האב איך גענומען מיין ווערק־צייג, אונד צו טשעפּענדיג א האָקען צו יעדער שיף, האב איך אַלע שטריק צוזאַמען געבונדען בייא דיא עקען.

וועהרענד דיעזער ארבייט, האבען דיא שונאים דערווייל אָבגעשאָסען עטליכע טויזענד פיילען, אונד פיעלע פון זייא זיינען געבליעבען שטעקען אין מיינע הענד אונד געזיכט. אויסער דעם וואס דאס האט מיר פעראורזאכט גרויסע שמערצען, האט עס נאך געשטערט מיין ארבייט.

איבערהויפּט האב איך זעהר מורא געהאט פאר מיינע אויגען, וועלכע איך וואָלט אויך דאָרט פערלוירען, ווען א גליקליכער געדאַנק וואָלט מיר ניט אריין גע־קומען. אונטער פערשיעדענע אַנדערע קלייניגקייטען, האב איך אויך געהאַלטען א פּאאר ברילען אין מיין קעשענע, וועלכע, לויט וויא איך האב שוין בעמערקט, האבען ד'עם קייזער'ס זוכערס זייא ניט ענטדעקט. דיעזע האב איך באַלד אַרויס גענומען אונד זייא בעפעסטיגט אויף מיין נאָז אזוי שטאַרק וויא נאָר מעגליך.

אויף דיעזער אַרט, האב איך פלייסיג פאָרטגעזעטצט מיין אַרבייט, טראָטץ דיא צאָהלרייכע פיילען פון דעם שונא, פון וועלכע פיעלע האבען זיך אָבגעשלאָגען אין דעם גלאָז פון מיינע ברילען. אָבער דאס האט זעהר א קליינעם איינדרוק געמאכט.

איך האב שוין געהאט בעפעסטיגט אַלע מיינע האָקענס, אונד אננעהמענדיג דיא שטריק, האב איך אָנגעפאַנגען צו שלעפּען. אָבער קיין שיף האט זיך גערוואָלט ריהרען, אַלע זיינען געווען שטאַרק בעפעסטיגט מיט זייערע אַנקערס. אויף דיעזער אַרט האב איך נאך געהאט א שווערע אַרבייט דורכצופיהרען.

איך בין געצוואונגען געווען אָבצולאָזען דיא שטריק מיט דיא האָקענס אין דיא שיפען, אונד איך האב בעשלאָסען איבערצושניידען מיט מיין מעסער דיא שטריק וואס האבען זיך געהאַלטען אן דיא אַנקערס. וועהרענד דעם האב איך געקריעגען א פּאאר הונדערט פיילען אין מיינע הענד אונד געזיכט. דאַן האב איך נאך אמאל אָנגענומען דיא צוזאַמען געבונדענע שטריק, צו וועלכע דיא האָקענס זיינען געווען

בעפעסטיגט, אונד איך האב שוין גאנץ לייכט מיטגעשלעפט דעם שונא׳ס 50 גרעסטע קריעגס־שיפען.

דיא בלעפוסקודיאנער, וועלכע האבען קיין אהנונג געהאט פון מיין אבזיכט, זיינען אנפאנגס געוועזן פערווירט פון איבערראשונג. זייא האבען מיך געזעהען וויא איך האב איבערגעשניטען דיא שטריק פון דיא אַנקערס, אונד זייא האבען געדע־בענט, אז מיין אבזיכט איז בלויז זייא אַבצולאָזען אויף׳ן וואסער אָדער זייא צוזאמען שטויסען איינע אן אנאנדער. נאָר ווען זייא האבען ערבליקט דיא גאנצע פלאָטע זיך בעוועגענדיג אין א רייהע אונד איך האב זייא מיטגעשלעפט, האבען זייא ארויס געלאָזען א שרעקליכען געשרייא פון טרויער אונד פערצווייפלונג, וועלבעס איז מיר כמעט אונמעגליך צו בעשרייבען.

ווען איך האב מיך געזעהען ארויס פון געפאהר, בין איך געבליעבען שטעהען אום ארויס צו ציהען דיא פיילען וואס האבען געשטעקט אין מיינע הענד אונד געזיכט. דאן האב איך איינגעריבען דיא וואונדען מיט אזא זאלב וואס מען האט מיר נאך צום ערשטען מאל געגעבען, לויט וויא איך האב שוין בעשריעבען.

דאן האב איך ארונטער גענומען מיינע ברייללען אונד אָבגעווארט אונגעפעהר א שטונדע, ביז דאס וואסער איז אביסעל צוריק געפאלען. זעהענדיג, אז דיא טיעפעניש קען מיך שוין מעהר ניט שטערען, האב איך אָנגעפאנגען צו געהען פאָר־ווערטס, אונד אויף דיעזער ארט, בין איך מיט דיא שיפען אָנגעקומען זיכער אין קייזערליכען האפען פון ליליפוט.

דער קייזער אונד זיין גאנצער הויף זיינען געשטאנען ביים ברעג, ערווארטענדיג דעם רעזולטאט פון מיין גרויסער אונטערנעהמונג. זייא האבען געזעהען פון וויטען דיא שיפען זיך בעוועגענדיג אין דער פאָרמע פון א האלבע לבנה, אָבער זייא האבען מיך ניט געקענט גוט בעמערקען, ווייל איך בין געשטאנען ביז איבער מיין ברוסט אין וואסער.

ווען איך בין אָנגעקומען אין דער מיטע פון דעם קאנאל, זיינען זייא נאך געוועזן מעהר בעטריעבט, ווייל איך בין געשטאנען ביז צום האלז אין וואסער.

דער קייזער האט דאן געדעכענט, אז איך בין דערטרונקען געוואָרען, אונד דאס דעם שונא׳ס פלאָטע דערנעהנטערט זיך אין א פיינדליכער אבזיכט. אָבער ער האט זיך דאן גלייך בערוהיגט, ווייל זאָ שנעל וויא דער קאנאל איז שוין מעהר ניט געוועזן אזוי טיעף, בין איך יעדען שריט אַלץ נעהנטער געקומען, אונד האלטענדיג צוזאמען אלע שטריק וואס האבען נאכגעשלעפט דיא פלאָטע, האב איך אויס־געשריען:

„לאנג לעבען זאָל דער גנעדיגער קייזער פון ליליפוט!“

דיעזער גרויסער הערשער האט מיך דאַן עמפפאנגען בייא דער לאנדונג מיט יעדער מעגליכער עהרע. ער האט מיך אויף'ן פּלאַטץ געמאכט פּאר א נ א ר ד א ק, וועלכעס איז דער העכסטער עהרענטיטעל אונטער זייא.

זיינע מאַיעסטעט האט אויסגעדריקט דעם וואונש, דאס בייא א צווייטער גע־לעגענהייט, וועל איך נאך ברענגען דיא איבריגע שיפען פון דעם שונא אין זיין האַפען.

אזוי, זעהט איהר, איז דיא גרויסע לוסט פון א הערשער, דאס ער האט נאָר געוואָלט זעהען דאס גאנצע קייזערטהום פון בלעפוסקו פערניכטעט, אונד עס זאָל דערפון ווערען א פּראָווינץ רעגיערט פון זיינעם א וויצע־קעניג.

ער האט אויך געוואָלט פערניכטען אַלע פערטריעבענע ביג־ענדיאַאנס אונד צווינגען דיעזעס פאָלק, צו צערברעכען זייערע אייער בייא דער שמאָלער זייט, אונד אויף דיעזער אַרט, זאָל ער בלייבען דער איינציגער הערשער פון דער וועלט.

אָבער איך האב אַלעס מעגליכע אָנגעווענדעט איהם ניט צו צולאָזען צו אזא שריט, אונד איך האב געבראַכט אונצעהליגע בעווייזע דאפיר פון פּאָליטיק אונד גלאַט גערעכטיגקייט.

ווען איך האב געזעהן, אַז ער בלייבט האַרטנעקיג, האב איך איינפאך פּראָ־טעסטירט מיט דיעזע ווערטער:

„איך וועל ניעמאָלס זיין דאס ווערק־צייג אום צו פערפיהרען א פרייעס אונד בראַוועס פאָלק אין שקלאַפעריי!“

ווען מען האט שפּעטער דעבאַטירט אין פּארלאַמענט, זיינען דיא קליגסטע מיניסטאָרען געווען פון מיין מיינונג.

מיינע אָפענע אונד פרייע ערקלערונג, איז געווען אזוי געגען דער פּאָליטיק פון זיין קייזערליכער מאַיעסטעט, דאס ער האט מיר קיינמאָל דארויף ניט געקענט מוחל זיין.

ער האט דאס דערמאָהנט אין פּארלאַמענט אין א פּערוויקעלטער דיפּלאָ־מאַטישע שפּראַכע, אונד, לויט וויא מען האט מיר שפּעטער דערצעהלט, זיינען דיא קליגסטע געווען פון מיין מיינונג, דאָמיט וואס זייא האבען געשוויעגען. אנדערע ווידער, וועלכע זיינען געווען מיינע געהיימע שונאים, האבען זיך ניט געקענט צוריק האַלטען מיט אַזעלכע ווערטער, וועלכע האבען מיך אינדירעקט געטראָפען.

פון דיעזען מאָמענט אָן, האט אָנגעפאנגען איין אינטריגע געגען מיר וויא דער

קייזער אונד אייניגע מיניסטאָרען האבען זיך ניט געקענט איינפערשטעהען. דער פלאַן איז געווען מיך צו טרעפען.

אין אונגעפעהר צוויא מאָנאט צייט איז דער אויסברוך געקומען, אונד עס האט זיך שיער געענדיגט מיט מיין טויט.

דערפון איז ארויס צו זעהען, אז דיא גרעסטע טובה וואס מען טהוט א הערשער, האט גאר ניט ווערטה ווען מען ענטזאגט זיך צו ערפילען זייערע קאפּריזען.

מיט דרייא וואָכען נאך מיין גרויסער עראבערונג, זיינען אָנגעקומען ערנסטע געזאנדטע פון בלעפוסקו, מיט איין אונטערטהעניגער ביטע וועגען פריעדען, וועלכער איז אויך באלד געשלאָסען געוואָרען, אונטער אזעלכע בעדינגונגען וואס זיינען געווען זעהר גינסטיג צו אונזער קייזער, איבער וועלכע איך וועל ניט בעלעסטיגען דעם לעזער.

עס זיינען געווען זעקס פריעדענס־געזאנדטע מיט א בעגלייטונג פון אונגעפעהר 500 מענשען. זייער אנקונפט איז געווען פרעכטיג, פאסענד פיר דער גרויסקייט פון זייער הערשער אונד דיא וויכטיגקייט פון זייערע געשעפטען.

ווען דער פריעדענס־טראקטאט איז געשלאָסען געוואָרען, וואו איך האב גע־נומען א היבשען אנטהייל מיט מיין איינפלוס אין העלפען דיא געזאנדטע, האבען מיך זייערע עקסעלענצען בעעהרט מיט א בעזוך, נאכדעם מען האט זייא נאך פריוואט דערצעהלט וויא אזוי איך בין געווען זייער פריינד.

זייא האבען אָנגעפאנגען צו ריהמען מיין גבורה אונד גוטהערציגקייט, אונד מיך דאן איינגעלאדען אין זייער מדינה אין נאמען פון זייער קייזער. דאן האבען זייא מיך געבעטען איך זאָל זייא צייגען עפּעס א פּראָבע פון מיין אונגעהייערער קראפט, פון וועלכער זייא האבען געהערט, אונד איך האב ערפילט זייער וואונש. אָבער איך וויל ניט בעלעסטיגען דעם לעזער מיט אזעלכע קלייניגקייטען.

נאכדעם וויא איך האב אונטערהאלטען זייערע עקסעלענצען צו זייער פאָל־שטענדיגע צופריעדענהייט אונד בעוואונדערונג, האב איך זייא געבעטען זייא זאָלען מיר מאכען דיא עהרע אונד איבערגעבען מיין אונטערטהעניגסטען גרוס צו זייער קייזער אונד הערר, וועלכען'ס עדעלקייט האט אָנגעפילט דיא וועלט מיט בע־וואונדערונג, אונד וועלכען'ס קייזערליכע פערזאָן איך וועל בעזוכען, איידער איך וועל אַברייזען אין מיין לאַנד.

זאָ שנעל וויא איך האב געהאט דיא געלעגענהייט צו זעהען אונזער קייזער, האב איך פון איהם פערלאנגט דיא ערלויבנים, צו געהען בעזוכען דעם בלעפוסקר־

דיאנישען מאַנארך. דער קייזער איז געוועזן אזוי נגעדיג אונד דאס מיר ערלויבט, אָבער, לויט וויא איך האב מיר געקענט מערקען, האט ער דאס ניט געטהאָן פון דעם גאַנצען הארצען.

איך האב ניט געקענט ערפאהרען דיא אורזאכע פון זיין בענעהמונג, ביז א געוויסע פערזאָן האט מיר איינגעראַמט אין אויער: „פלימנאַפּ אונד באָלגאָלאָן האבען בעהויפּטעט, אז דיין אונטערהאַלט מיט דיא געזאַנדטע פון בלעפוסקו, בעדייטעט, אז דוא ביסט מעהר ניט אזוי טרייא דעם קייזער וויא פריהער."

איך האב אָבער געוואוסט, אז דאס איז ניט אמת.

דאס איז געוועזן דיא ערשטע געלעגענהייט וואס האט מיך געטריעבען דערצו איך זאָל מיך איבערצייגען, אז הויפען אונד מיניסטאָרען זיינען נאָך ניט קיין פאָלקאָמענהייטען.

מען מוז דאָ בעמערקען, אז מיט דיעזע אמבאַסאַדאָרען פון בלעפוסקו, האב איך געשפּראָכען דורך א דאָלמעטשער, ווייל דיא שפּראַכען פון דיעזע צוויא קייזערטהימער זיינען געוועזן גראַדע אזוי פערשיעדען וויא פון צוויא אייראָפּעאישע לענדער. יעדע נאַציאָן איז דאָ אויך געוועזן שטאָלץ אויף איהרע אַלטע קבלות, שעהנהייט אונד קראַפט פון איהר שפּראַכע, וועהרענד דיא שפּראַכע פון דער צווייטער נאַציאָן איז פערדאַמט געוואָרען. דאסזעלבע האט געטהאָן יעדע נאַציאָן בעזונדער.

אונזער קייזער, האבענדיג א פאָרצוג דערמיט וואס ער האט ערֹאָבערט זייער פלאָטע, האט ער זייא געצוואונגען איהם צו איבערגעבען זייערע דאָקומענטען אונד אויך רעדען אין דער ליליפּוטאַנער שפּראַך.

אין דערזעלבער צייט, דאַרף מען ניט פערגעסען, אז דיא גרויסע העררען פון יעדען לאַנד, האבען אימער געשיקט זייערע זיהן אונד טעכטער אין צווייטען לאַנד, אום זיך דאָרט צו בילדען אונד פערפיינערן, גראַדע וויא בייא אונז אין אייראָפּא. אויסער דעם, האט אויך דער קאָמערציעלער פערקעהר אונד מנהגים בייגעטראַגען וואסביידע נאַציאָנען זיינען אָפט צוזאַמען געקומען. דערפאַר האבען דיא גרויסע העררען, מאַטראָזען אונד דיעזע וואס וואָהנען בייא דיא האפענס, געקענט רעדען ביידע שפּראַכען.

שפּעטער מיט עטליכע וואָכען האב איך דאריעבער מעהר ערפאהרען, אלס איך בין אוועק מאַכען א בעזוך דעם קייזער פון בלעפוסקו. צו יענער צייט, וואס איך האב איהם אָבגעשטאַטעט דעם בעזוך, ווערלכעס איז געוועזן מיינע גרויסע אונגליקסצייט, דורך דיא אינטריגען פון מיינע שונאים, האב איך דאָרט געהאַט א גליקליכע

רייזע, לויט וויא איך וועל דאס שפעטער אָבשילדערן אויף דעם פאַסענדען פלאַטץ.

דער לעזער קען זיך עראינערן, דאס ווען איך האב אונטערגעשריעבען יענע ארטיקלען וואס האבען מיר געגעבען דיא פרייהייט, האבען זיך געפונען געוויסע פונקטען דארונטער וואס זיינען מיר ניט געפעלען געוואָרען, ווייל זייא האבען מיך געמאכט פאר צופיעל שקלאַף. איך בין אויך זיכער, אז נאָר א גרויסע נויט וואָלט מיך געצוואונגען זיך אונטערצוגעבען צו אזעלכע בעדינגונגען.

אָבער זייענדיג א נ א ר ד א ק, וועלכעס איז דער העכסטער ראנג איז קייזער־טהום, האט מען שוין בעטראכט אזעלכע שליחות אלס אונפּאַסענד פיר מיין עהרע. אום צו זיין גערעכט, מוז איך מודה זיין, אז דער קייזער האט מיך קיינמאל דאַ־ריעבער ניט דערמאָהנט.

אונטערדעסען האט עס ניט לאַנג געדויערט, אונד איך האב געהאט דיא גע־לעגענהייט צו טהון פיר זיינער מאיעסטעט זעהר א ווערטהפאָלען דיענסט.

עס איז געוועזען אין א מיטען נאַכט, ווען אייניגע הונדערט מענשען האבען גע־מאכט א גרויסען לאַרם פאר מיין טהיר, אונד זייענדיג פּלוצלינג ערוואכט, האב איך מיך אביסעל דערשראָקען.

איך האב געהערט דאס וואָרט ב ו ר ג ל ו ד אינצעהליגע מאל ווידערהאָלט. אייניגע פון דעם קייזער׳ס הויף האבען זיך דורכגעשטופּט דורך דער גרויסער מענגע מענשען, אונד זייא האבען מיך געבעטען איך זאָל איילען שנעל צום פּאַלאַסט, וואו דיא צימערן פון זיין קייזערליכער מאיעסטעט שטעהען אין פלאַמען. דאס פייער איז פערארזאכט געוואָרען דורך דער אונפאָרזיכטיגקייט פון איין עהרען־דאמע, וועלכע איז איינגעשלאָפען לעזענדיג א ראָמאן.

איך בין זאָפאָרט אויפגעשטאַנען, אונד נאכדעם וויא עס זיינען געגעבען גע־וואָרען בעפעהלע מען זאָל פרייא מאכען דעם וועג פאר מיר, בין איך ארויס אויף דער נאַס. דיא לבנה האט גאַנץ שעהן געשיינט אונד איך בין געלאָפען צום פּאַ־לאַסט אָהנע איך זאָל יעמאנדען צערטרעטען.

אָנקומענדיג אהין, האב איך ענטדעקט וויא מען האט שוין צוגעשטעלט לייטערס צו דיא ווענט פון פּאַלאַסט, אונד יעדער איז געוועזען בערייט מיט עמערס, נאָר דאס וואסער איז נאָך געשטאַנען זעהר וויט.

יעדער עמער איז געוועזען אונגעפעהר אזוי גרויס וויא א פינגערהוט, אונד ווען דאס וואסער איז צוגעבראכט געוואָרען, האבען מיך דיא ארמע מענשעלעך בעוואָרפען מיט זייערע עמערס וואסער, אזוי שנעל וויא זייא האבען געקענט.

דיא פלאַמען זיינען אָבער געווען אַזוי וויטהענד, אַז דאָס האָט כמעט גאָר ניט געהאָלפען.

איך וואָלט דאָס פייער גאַנץ לייכט געקענט אויסלעשען מיט מיין ראָק, אָבער אין מיין איילעניש, האָב איך צוריק געלאָזען דעם ראָק אונד איך בין ער־שינען אין הוילען העמד.

דער צושטאַנד האָט מיר אויסגעזעהען פערצווייפעלט אונד האָפנונגסלאָז. דער פּראַכטפאָלער פּאַלאַסט וואָלט אָהנע צווייפעל אָבגעברענט ביז צום גרונד, ווען אַ גליקליכע אידעע פון זעלבסט־בעהעררשונג אין אַ צייט פון געפאַהר (וואָס בייא מיר אונגעוועהנליך,) וואָלט מיר גראַדע דאַמאַלס ניט איינגעפאַלען.

דעם אָבענד פריהער האָב איך געטרונקען אַ היבשע ביסעל פון דעם גוטען וויין וואָס רופט זיך גלימיגרים, (דיא בלעפוסקודיאַנער רופען עס פלונעק,) נאָר אונזערער איז בעטראַכטעט געוואָרען אַלס פיעל בעסער.

דורך דעם גליקליכסטען צופיעל אין דער וועלט, האָב איך מיך נאָך גאָר ניט געהאָט אויסגעלעדיגט פון דיעזען וויין. דיא היטץ וואָס איך האָב צוגעצויגען קומענדיג אַזוי נאָהענט צו דיא פלאַמען, אונד דיא אַרבייט צו לעשען דיא פלאַמען, האָט פעראורזאַכט אין מיר וואָס דער וויין איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין השתנה, אונד איך האָב דאָס אויסגעלעדיגט אין אַזעלכע גרויסע מאַסען, וויא אויך גוט פערווענדעט אין דיא ריכטיגע פּלעטצער, דאָס אין דרייא מינוטען צייט איז דאָס פייער אין גאַנצען געווען אויסגעלאָשען. אונד אויף אַזאַ אַרט, האָב איך גערעטעט דעם איבריגען טהייל פון דיעזען נאָבעלען פּאַלאַסט, וועלכער האָט געקאָסט דיא אַרבייט פון הונדערטער יאָהרען איהם צו ערריכטען.

עס איז שוין טאָג געוואָרען אונד איך האָב צוריק געקעהרט אין מיין וואָהנונג, אָהנע צו וואַרטען אויף דעם קייזער'ס דאַנק. עס איז אמת, איך האָב ווירקליך געלייסטעט אַ ווערטהפאָלען דיענסט פאַר'ן קייזער, אָבער איך האָב דאָך ניט געוואוסט וויא אַזוי זיין מאַיעסטעט וועט בעטראַכטען דיעזע אַרבייט נאָכדעם איך האָב זיא אויף איין אונגעוועהנליכער אַרט דורכגעפיהרט.

לויט דיא געזעטצע פון לאַנד, איז צו בעשטראָפען מיט'ן טויט, אירגענד אַ מענשען, פון סאַי־וועלכען ראַנג ער איז, ווען ער האָט געוואַגט משתין צו זיין אין דער אומגעבונג פון דעם פּאַלאַסט.

איך האָב דאָס אַלעס גאַנץ גוט געוואוסט, אונד איך האָב מיך אויך באַלד געטרייסט מיט אַ שליחות פון דעם קייזער, וועלכער האָט מיר געשיקט אָנזאָגען,

אז ער „האט ארויס געגעבען א בעפעהל צום העכסטען געריכטס־הויז מען זאָל מיך באַלד בעגנאַדיגען אין געהעריגער פאָרמע."

עס האט זיך אָבער שפּעטער ארויס געוויעזען, אז אזא בעגנאַדיגונג קען מיר ניט געגעבען ווערען, אונד איך האב אויך ערפאַהרען, אז דיא קייזערין שפירט דעם גרעסטען עקעל אונד פעראַכטונג צו דעם וואס איך האב געטהאַן. זיא האט זיך אויך ארויס געצויגען אין איין אנדערן טהייל פון פּאַלאַסט, מיט דעם בעשלוס ניט צוריק צו קעהרען אין איהרע צימערן, ביז אַלעס וועט ניט איבערגעבויעט ווערען. נאָך מעהר, איך האב ערפאַהרען, אז אין דער געגענוואַרט פון איהרע פערטרויעטע, האט זיא געשוואוירען זיך נוקם צו זיין אן מיר.

קאַפּיטעל 6.

איבער דיא איינוואָהנער פון ליליפוט; זייער בילדונג, געזעטצע אונד מנהגים; וויא אַזוי זייא בילדען זייערע קינדער. — וויא דער פּערפאַסער האט געלעבט אין דיעזען לאַנד. — זיין פערטהיידיגונג פיר א גרויסאַרטיגע דאַמע.

קריעגערייען אונד אינטריגען זיינען אזוי אָפט אין א הערשענדען הויף, דאס עס איז איבריג איך זאָל נאָכדערצעהלען איבער אַלע רכילות וואס מיינע שונאים האבען געגען מיר אנגעטראַגען צו דער קייזערין אום זיא נאָך מעהר אויפצוהעצען איבער מיר. איך וועל מיך דערפאַר אָבווענדען צו א גאַנץ אנדערן געגענשטאַנד.

אָבוואָהל איך בעאַבזיכטיג איבערצולאָזען דיא איינצעלנע בעשרייבונג פון דיעזען קייזערטהום פיר א בעזונדערעס ווערק, וועל איך דעננאָך, אין דערזעלבער צייט, זוכען צופריעדען צו שטעלען דעם לעזער דאַמיט וואס איך וועל איהם געבען איין אַלגעמיינעם בעגריף איבער ליליפּוט.

אַזוי וויא דיא געוועהנליכע הויבקייט פון א מענשען איז עטוואס וועניגער וויא 6 צאָלל, אַזוי זיינען אויך אַלע חיות, פּלאַנצונגען אונד בוימער, פון איין עהנליכער גרויסקייט לויט דיא מענשען.

צום ביישפּיעל: דיא העכסטע פערד אונד אָקסען, זיינען צווישען 4 אונד 5 צאָלל הויך; דיא שאָף אונגעפעהר א צאָלל אונד א האַלב. דיא גענז זיינען אַזוי

גרויס וויא אונזערע קליינע שוועלבעלעך, אונד אזוי זיינען אויך אלע אנערע חיות, ביז מען קומט צום קלענסטען וואס מ י ר קענען עס קוים דערזעהען מיט אונזערע אויגען.

אָבער דיא נאטור האט שוין געזאָרגט, אז דיא ליליפוטאנער זאָלען האבען אזא גוטע ראייה, דאמיט זייא זאָלען קענען אלעס ריכטיג אונד גענוי זעהען לויט זייער אייגענע קליינקייט אָדער גרויסקייט; זייא זעהען אלעס זעהר פינקטליך, אָבער ניט זעהר וויט.

אום מיך צו איבערציינגען איבער זייער געוואלטיגע ראייה, האב איך בייגע־וואָהנט א סצענע, וויא א קעבער האט אָבגעפליקט א פייגעלע, וועלכעס איז, אין מיינע אויגען, קלענער געווען וויא אונזערע א פליעג; אונד א יונגעס מעדכען האט גענעהט מיט א נאָדעל אונד זיידענע פאָדעם, וועלכע מיינע אויגען האבען גאר ניט געקענט ערבליקען.

זייער העכסטער בוים איז 7 פוס הויך; איך מיין איינציגע אזעלכע בוימער, וועלכע וואקסען אין א גרויסען קייזערליכען גארטען, פון וועלכע איך האב געקענט בעריהרען דעם שפיטץ ווען איך האב אויסגעשטרעקט מיין האנד. דיא אנדערע פלאנצונגען זיינען אונגעפעהר פאסענד לויט דער גרויסקייט פון דיא ברואים, אונד איך לאָז דאס איבער פאר׳ן לעזער אליין צו אורטהיילען.

איך וועל יעטצט זאגען זעהר וועניג איבער זייער בילדונג, וועלכע האט זייט מעהרערע יאהרהונדערט דאָרט געבליהט אין אלע צווייגען פון וויסענשאפט. נאָר זייער ארט שרייבען, איז ווירקליך מערקווירדיג; עס איז ניט פון לינקס צו רעכטס וויא בייא דיא אייראָפּעער; ניט פון רעכטס צו לינקס וויא בייא דיא אראבער; ניט פון אויבען ארונטער וויא בייא דיא כינעזער, זאָנדערן גאר קאפויר, פון איין עק פאפיר צום אנדערן, אונגעפעהר וויא דיא דאמען שרייבען אין ענגלאנד.

זייא בעגראָבען זייערע טויטע מיט דיא קעפּ ארונטער, וויל זייא גלויבען, אז אין עלף טויזענד מאָנאט וועלען זייא אלע ווידער אמאל לעבעדיג ווערען; וועהרענד דיעזער צייט, וועט דיא ערד (וואס זייא גלויבען, אז זיא איז פלאך) זיך איבערקעהרען מיט׳ן אויבען ארונטער, אונד אויף אזא ארט, וועלען זייא ביים תחית המתים בלייבען שטעהען גלייך אויף דיא פיס.

זייערע געבילדעטע זיינען אפילו מודה, אז דיא לעהרע איז א גרויסע דומ־הייט, אָבער דיא דומע ווילען פון גאר ניט וויסען אונד טהון וויא זייא פער־שטעהען.

עס זיינען דאָ מאנכע געזעטצע אונד מנהגים אין דיעזען לאנד, וועלכע זיינע זעהר מערקווירדיג; אונד ווען זייא וואָלטען ניט געווען גראדע דער געגענטהייל פון מיין אייגענעס טהייערעס לאנד, וואָלט איך זייא אביסעל פערטהיידיגט. אלעס וואס מען קען זיך נאָר ווינשען, איז, דאס זייא זאָלען אויך אזוי גוט דורכגעפיהרט ווערען.

דאס ערשטע וואס איך וויל דערמאָהנען, איז איבער מוסרים. יעדעס פער־ברעכען געגען דעם שטאאט, ווערט דאָ זעהר הארט בעשטראפט; אָבער, ווען דער בעשולדיגטער קען בעווייזען זיין אונשולד קלאר אונד דייטליך בייא זיין פראָצעס, דאַן ווערט זיין בעשולדיגער זאָפאָרט בעשטראפט מיט א שענדליכען טויט. פון דער ירושה וואס בלייבט צוריק פון דעם מסור, ווערט דער אונשולדיגער פיער מאל אויף אזוי פיעל בעלוינט פאר זיין צייט־פערלוסט, פאר דער געפאהר אונטער וועלכער ער איז געווען, פאר דיא ליידען אין געפענגנים, אונד פאר אלע הוצאות וואס ער האט געמאכט אום זיך צו פערטהיידיגען. ווען דער מסור לאָזט ניט צוריק אזוי פיעל געלד, דאַן ווערט דאס איבריגע בעצאָהלט פון דער קרוין. דער קייזער גיבט איהם אויך דאַן אָב איין עהרע פאר'ן פאָלק, אונד א פראָקלאמאציאָן פון זיין אונשולד, ווערט ארויס געגעבען איבער דער גאנצער שטאָדט.

שווינדעל בעטראכטען זייא אלס א גרעסערעס פערברעכען וויא גנבה, אונד עס איז זעלטען ווען זייא בעשטראפען ניט א שווינדלער מיט טויט. זייא בעהויפטען אז אכטונג געבען אונד פאָרזיכטיגקייט, פון א גאנץ געוועהנליכען פערשטאנד, קען פערהיטען א מענשען'ס אייגענטהום פון גנבה, אָבער עהרליכקייט האט קיין צאם געגען העכערער ביטרע־לומפערייא; אונד נאכדעם מען מוז אימער פערקעהרען אין קויפען אונד פערקויפען אונד האנדלען אויף קרעדיט וואו שווינדעל געהט אימער אָן, אָדער עס עקזיסטירט קיין געזעטץ דאס צו בעשטראפען, מוז דער עהרליבער קויפמאַן בעשטענדיג ליידען, וועהרענד דער לומפ האט דעם פאָרצוג.

איך געדענק ווען איך האב אמאל געבעטען דעם קייזער פאר א פערברעכער וואס האט בעשווינדעלט זיין בעל־הבית אויף א גרויסער סומע געלד. דיעזעס געלד האט דער בעל־הבית געגעבען זיין אנגעשטעלטען אום דאס אוועק צו טראגען, אונד דער לעטצטער איז דערמיט ענטלאָפען. איך האב געזאגט דעם קייזער, אז דאס איז בלויז א פערברעכען געגען טרויען, וועלכעס איז בייא אונז ניט געפעהרליך. דער קייזער איז שטארק בעז געוואָרען דאריעבער אונד ערקלערט, אז דאס איז טאקי דאס גרעסטע פערברעכען, זאָלאנג איינער נארט זיך אריין צו יענעם מיט גוטע ריידעלעך דאמיט ער זאָל איהם קענען שפעטער כעשווינדלען. איך האב שוין נאר

ניט געהאט וואס אָנצו־ווענדען דאגעגען, אונד איך האב בלויז געענטפערט, אז פערשיעדענע נאציאָנען האבען פערשיעדענע געזעטצע. איך מוז מודה זיין, אז איך האב מיך געשעהמט פאר זיך אליין.

אָבוואָהל מיר רופען בעלאָהנונג אונד שטראפע דיא צווייא רעדער אויף וועלכע אלע רעגיערונגען דרעהען זיך, האב איך נאך ניט געזעהען דיזע בעהויפטונג אין דער פראקטיק בייא קיין איינציגער נאציאָן, אויסער בייא דיא ליליפוטאנער.

ווער עס קען דאָרט ברענגען בעווייזע, אז ער האט פינקטליך בעפאָלגט דיא געזעטצע פון לאנד 73 מאָנאט דורכאנאנד, האט א רעכט צו פאָרדערן געוויסע פריווילעגיען, לויט אויף וואס פאר א שטופע ער שטעהט אין געזעלשאפט, אונד ער קריעגט א געוויסע סומע געלד פון א קאסע וואס איז ספעציעל צו דיזען צוועק; ער קריעגט אויף דעם טיטעל ס נ י ל פ א ל ל, אָדער געזעטצליכער, וואס ווערט צוגעלעגט צו זיין אייגענעם נאמען. אָבער, דיזער טיטעל געהט ניט איבער בירושה צו קינדער.

אלס איך האב זייא דערצעהלט, אז אונזערע געזעטצע ווערען נאָר דורכגע־פיהרט מיט שטראפען, האבען זייא ערקלערט, אז מיר מאכען זעהר א גרויסען פעהלער מיט אזא טאקטיק.

דאס איז אויך דיא אורזאכע, וואס אין זייערע געריכטס־הייזער, ווערט פאָר־געשטעלט דאס בילד דער גערעכטיגקייט מיט 6 אויגען; צווייא אין פראָנט, אונד 2 הינטען, אונד צו איינציגע בייא יעדען זייט, אום עס זאָל בעצייכנען גוטע בע־אָבאכטונג; א בייטעל געלד האלט דיא גערעכטיגקייט אָפען אין דער רעכטער האנד, אונד א בלאנקעס שווערט אין דער לינקער, צו בעווייזען, אז זיא איז בערייט צו בעלוינען אונד בעשטראפען.

וועהלענדיג מענשען פיר אלע ארטען עמטער, ווערט פיעל מעהר געאכטעט אויף דער גוטער מאָראל וויא אויף הויכע פעהיגקייטען. דיא אורזאכע דערפון איז, דאס נאכדעם רעגיערונג איז נויטהווענדיג פיר דער מענשהייט, גלויבען זייא, אז יעדער איינציגער מענשליכער פערשטאנד איז צו עפעס פעהיג, אונד דאס דיא השגחה האט קיינמאל ניט בעאבזיכטיגט צו מאכען דיא רעגיערונג פון פאָלק זאָל זיין א געהיימניס אונד נאָר איינעגע הויכע זשעניען זאָלען דאס פערשטעהען, פון וועלכע עס ווערען נאָר זעלטען דרייא געבוירען אין א דור.

זייא רעכענען אויך, אז וואהרהייט, גערעכטיגקייט אונד ניכטערנהייט אונד נאך אזעלכע מעלות, זיינען בייא יעדען מענשען אין דיא הענד; ווען מען פראקטי־צירט דיזע אלע גוטע זאכען, אונד מען ווערט נאך אונטערשטיטצט פון ערפאהרונג

אונד גוטע אבזיכטען, קען אירגענד אזא מענש ברענגען נוטצען זיין לאנד, אויסער ווען מען דארף דערצו א ספּעציעלע בילדונג.

אָבער זייא האבען געדענקט, אז אום צו בעזיטצען מאָראַלישע מעלות, האט עס גאר ניט צו טהון מיט הויכע גייסטיגע פעהיגקייטען, אונד דערפאר האבען זייא אויך ניט געוואָלט אנפערטרויען זייערע עמטער בלויז צו פעהיגע מענשען אונד זייא האבען געזוכט בעסער עהרליכע מענשען.

זייא בעהויפּטען, אז א פעהלער וואס ווערט געמאכט דורך אונוויסענהייט, נאָר מיט איין עהרליכער אבזיכט, קען קיינמאל ניט האבען אזא געפעהרליכען רע־זולטאט פיר דעם אלגעמיינעם וואָהלזיין, אלס דיא טהאט פון א פערדאָרבענעם מענשען וועלכער האט גרויסע פעהיגקייט.

זייא גלויבען אויך ניט, אז דיא השגחה עליונה (גאָט) פעראורזאכט וואס א מענש זאָל דערפאַר ניט האבען קיין פעהיגקייטען וויל ער איז ניט געבוירען געוואָרען פון געוויסע נעאדעלטע עלטערן; וויל זאָלאנג קעניגע בעהויפּטען אז זייא זיינען גאָט'ס פערטרעטער, דענקען ניט דיא ליליפּוטאנער, אז א הערשער קען אָנשטעלען אזעלכע מענשען וואס זיינען געגען אלעס אנשטענדיגע אונד גוטע.

שילדערענדיג דיעזע אונד נאך וויטערע געזעטצע, וויל איך מען זאָל מיך פערשטעהען, אז איך מיין נאָר דאָ דיא פונדאמענטאלע פּרינציפּען פון דער רע־גיערונג, אונד ניט דיא סקאנדאלעזע קאָרופּציאָן אין וועלכער דיעזעס פאָלק איז פערזונקען דורך דער פערדאָרבענהייט פון דער מענשליכער נאטור.

וואס עס אנבעלאנגט דיא אונפערשעהמטע מנהגים אום צו עררייכען הויכע עמטער, ווען מען שפּרינגט איבער דיא שטריק, אָדער אום צו עררייכען אויסצייכ־נונגען שפּרינגענדיג איבער שטעקענס אונד קריכענדיג אונטער זייא, מוז דער לעזער וויסען, אז דיעזע אלע זאכען זיינען ערשט איינגעפיהרט געוואָרען דורך דעם יעטצטיגען רעגיערענדען קייזער'ס גרויס־פאטער, אונד זייא האבען עררייכט דיא יעטצטיגע שטופע דורך דער ענטוויקלונג פון דיא פּארטייען.

אונדאנקבארקייט איז אונטער זייא א הויפּט־פערברעכען, גראדע וויא מיר וויסען, אז עס איז אויך אין אנדערע לענדער זייא בעהויפּטען אזוי: ווער עס בע־לוינט מיט רעות דעם וואס טהוט איהם א טובה, איז געוויס איין אלגעמיינער שונא צו דער איבריגער מענשהייט. וויל, זאָלאנג ער קען בעלוינען מיט שלעכטען דעם וואס האט איהם גוטעס געטהאָן, וויא וועט ער נאך האנדלען געגען דיעזע וואס האבען איהם קיין גוטס געטהאָן? אזא מענש, בעהויפּטען זייא, האט ניט ווערטה צו לעבען אויף דער וועלט.

זייערע אנזיכטען איבער דיא פליכטען פון עלטערן אונד קינדער, זיינען שטארק פערשיעדען פון דיא אונזעריגע. הערט זייער ארגומענט:

נאכדעם דיא פערבינדונג צווישען זכר אונד נקבה איז געגרינדעט אויף א גרויסעס נאטור־געזעטץ, דאמיט עס זאָל געזיכערט ווערען דיא פאָרטפלאנצונג (קיום המין) זאגען דיא ליליפוטאנער, אז מאן אונד פרוי זיינען פעראייניגט גראדע וויא אלע אנדערע חיות, בלויז דערפאר ווייל דיא תאוה פיהרט דערצו. זייער צערטליכקייט אונד ליעבע צו דיא קינדער, קומט דאן אויך פון דערזעלבער קוועלע, אונד דערפאר קענען זייא בייא זיך ניט פועל'ן צו בעהויפטען, אז א קינד האט אירגענד וועלכע פערפליכטונג צום פאטער וואס האט איהם פעראורזאכט דאס לעבען אָדער צו דער מוטער וואס האט איהם געבראכט אויף דער וועלט. זייא זאגען ווייטער, אז דאס קינד קען דערפאר ניט האבען קיין געוויסע פליכטען צו דיא עלטערן, ווייל ערשטענס איז דאס מענשליכע לעבען אליין ניט אזא גליק, אונד דאן האבען דיא עלטערן, אין זייער ליעבעס־צוזאמענקונפט, גאר ניט געדענקט איהם גראדע צו שאפען.

דערפאר אונד נאך פאר אנדערע אורזאכען, בעהויפטען דיא ליליפוטאנער, זיינען עלטערן דיא לעטצטע אין דער וועלט אויף וועמען מען קען זיך פערלאָזען מיט דער ערציהונג פון זייערע אייגענע קינדער. מען האט אלזאָ איינגעריכטעט אין יעדער שטאָדט שטעדטישע ערציהונגס־אנשטאלטען, וואוהין אלע עלטערן, אויסער ארבייטער, זיינען געצוואונגען אוועק צו שיקען זייערע קינדער, אינגלעך אונד מיידלעך, ערצויגען צו ווערען אונד געבילדעט, ביז זייא ווערען אלט צו 22 מאָנאט, ווען מען רעכענט, אז זייא האבען שוין גענאָסען א גוטען אנפאנגס־פערשטאנד.

דיא שולען זיינען פון פערשיעדענע מינים, אום צו פאסען פיר פערשיעדענע קינדער פוןביידע געשלעכטער.

עס זיינען פערהאנדען אלערלייא פראָפעסאָרען, וועלכע זיינען גוט אויסגעאיבט אין פאָרבערייטען קינדער צו אזא צושטאנד אין לעבען, וואס פאסט פיר דעם ראנג פון זייערע עלטערן, אָבער אויך פיר זייערע פעהיגקייטען אונד נייגונגען.

איך וועל פריהער עפעס זאגען איבער דיא קינדער־אנשטאלטען פיר אינגלעך אונד דאן איבער דיעזע פון מיידלעך.

דיא אנשטאלטען פיר אינגלעך פון געאדעלטע אונד הויך־געשטעלטע עלטערן, בעזיטצען ערנסטע אונד געשטודירטע פראָפעסאָרען; דאסזעלבע איז אויך מיט

זייערע געהילפען. דיא קליידער אונד נאהרונג פיר דיעזע קינדער, איז זעהר פראסט אונד איינפאך.

זייא ווערען ערצויגען אין דיא פרינציפען פון עהרע, גערעכטיגקייט, מוטה, אנשטאנד, מיטלייד, רעליגיאן אונד ליעבע צו זייער לאנד. זייא זיינען אימער מיט עפעס בעשעפטיגט, אויסער ווען זייא עסען אונד שלאפען, וועלכעס איז ניט פיעל. צוויא שטונדען ווערען אבגעגעבען פיר קערפערליכע איבונגען.

זייא ווערען אנגעקליידעט פון מענער ביז זייא זיינען אלט 4 יאהר, אונד דאן מוזען זייא זיך אליין אנקליידען, ווען זייא זאלען נאך אפילו שטאמען פון וויא רייכע עלטערן. דיא דאמען־דיענערינס, וועלכע זיינען אלט וויא אונגעפעהר אונזערע 50־יעהריגע פרויען, בעשעפטיגען זיך נאר מיט געוועהנליכע ארבייט ארום זייא.

עס איז דיא קינדער קיינמאל ניט ערלויבט צו רעדען מיט דיא דיענער, זאנדערן, זייא געהען צוזאמען אין קלענערע אדער גרעסערע גרופען אום צו מאכען דיא קערפערליכע איבונגען אונד שטודירען, אונד זייא נעפינען זיך אימער אין דער געגענווארט פון זייערען א פראפעסאר, אדער איינער פון זיינע געהילפען. אויף אזא ארט פערהינדערט מען זייא נאך פון זייער יוגענד זיך איינצוגעוואהנען צו דומ־הייטען אונד אויסגעלאסענהייטען, וויא דער פאל איז מיט אונזערע קינדער.

דיא עלטערן איז ערלויבט צו זעהען זייערע קינדער איינמאל אדער צוויא מאל א יאהר. דער בעזוך דארף דויערן בלויז א שטונדע. זייא קענען נאר קושען זייערע קינדער ביים בעגעגענען זיך אונד ביים אבשיעד. אבער א פראפעסאר, וועלכער שטעהט אימער דערבייא, וועט ניט ערלויבען דיא עלטערן איינצוראמען דיא קינדער סודות אדער זיך בעדיענען מיט צו צערטליכע אויסדריקע, אדער מיטברענגען פרע־זענטען, שפיעלערייען, צוקער־געבעקס אונד עהנליכע זאכען.

יעדע פאמיליע מוז צאהלען א געוויסע סומע געלד פאר דער ערציהונג פון דיא קינדער, אונד דאס ווערט שוין איינגעמאהנט דורך דעם קייזער'ס בעאמטע.

דיא אנשטאלטען פיר קינדער פון געוועהנליכע וואהלהאבענדע בירגער, קויפ־לייטע, פאבריקאנטען אונד בעלי־מלאכות, זיינען געפיהרט, פערהעלטניסמעסיג, אויף דערזעלבער ארט. נאר דיא קינדער וואס זיינען בעשטימט פיר מלאכות, ווערען אנ־געשטעלט אין זייערע פראפעסיאנען צום 11־טען יאהר. קינדער פון עטוואס וואהל־האבענדע עלטערן, נעהמען זיך ערשט צו דער פראפעסיאן צום 15־טען יאהר, וועלכעס איז אונגעפעהר וויא בייא אונז דאס 21־טע יאהר. אין דער צייט וואס זייא לערנען אונד שטודירען, זיינען זייא, וויא מיר האבען פריהער נעזאגט

אָבגעשפּאָרט, נאָר אין דיא לעטצטע 3 יאָהר ווערען זייא אלץ פרייער אונד פרייער.

אין דיא אנשטאלטען פיר מיידלעך, ווערען דיא קינדער פון העבערן גראד במעט אויך אזוי ערצויגען וויא דיא אינגלעך, מיט דער אויסנאהמע וואס זייא ווערען אָנגעקליידעט פון פרויען; אָבער דאס געשעהט אויך אימער אין דער געגענוואַרט פון א פּראָפעסאָר אָדער זיין געהילפע, ביז זייא קענען זיך אליין אָנקליידען, וועלכעס איז צום 5־טען יאָהר.

ווען מען ערפאהרט, אז דיא פרויען־דיענערשאפט ערלויבט זיך אמאל צו אונ־טערהאלטען דיא קינדער מיט שרעקליכע אָדער נארישע געשיכטען, אָדער מיט דיא דומהייטען, וועלכע זיינען אזוי גוט בעקאנט אונטער אונזערע קאמערפרויען, ווערען זייא עפענטליך געשמיסען דרייא מאל איבער דער שטאָדט, ארעטירט אויף א יאָהר צייט, אונד דאן פערטריעבען אויף׳ן גאנצען לעבען אין דער וויסטעסטער געגענד פון לאנד.

דאס איז דיא אורזאכע, וואס דיא יונגע דאמען אין ליליפוט לאנד שעהמען זיך, גראדע וויא דיא יונגע לייט, צו זיין פייגלינגע אונד דומקעפ; זייא פער־אכטען אויך אלע פערזענליכע ציערונגען, מיט דער אויסנאהמע פון אנשטענדיגער קליידונג אונד ריינליכקייט.

איך האב אויך ניט בעמערקט קיין אונטערשיעד אין זייער בילדונג דערפאר וואס זייא זיינען פרויענצימער, מיט דער אויסנאהמע וואס דיא קערפערליכע איבונגען אונטער דיא מיידלעך, זיינען ניט אזוי שטארק וויא אונטער דיא אינגלעך. אין דערזעלבער צייט ווערען זייא אויך אונטערריכטעט וויא זיך אויפצופיהרען אין היימישען לעבען, אונד אנשטאט דעם ווערט דער פּראָגראם פון דער אלגעמיינער בילדונג אביסעל פערקירצט.

דיא ליליפוטאנער בעהויפטען, אז אונטער מענשען פון הויכען ראנג, זאָל דיא פרוי אויך זיין א פערנינפטיגער אונד אנגענעהמער קאמעראד, וויל זיא קען ניט אימער בלייבען יונג.

ווען דיא מיידלעך ווערען אלט 12 יאָהר, וואס איז אונטער זייא דיא צייט צום הייראטהען, קומען זייערע עלטערן אָדער פערוואלטער אונד נעהמען זייא אהיים. איידער זיא פערלאָזט דיא אנשטאלט, דריקט זיא אויס איהר טיעפסטע דאנק־בארקייט צו דיא פּראָפעסאָרען, אונד עס איז זעלטען וואס דיא יונגע דאמע פער־לאָזט איהרע חבר׳טעס אָהן טרעהרען.

אין דיא אנשטאלטען פיר מיידלעך פון דעם ניעדריגערן גראד, ווערען דיא קינדער אונטערריכטעט אין אלערלייא ארבייטען וואס איז פאסענד פיר זייער געשלעכט, וויא אויך פיר זייער שטופע אין לעבען. דיעזע וואס דארפען געהען אין דיענסט, ווערען ענטלאסען צום 7־טען יאהר, וועהרענד דיא איבריגע ווערען געהאלטען ביז צום 11־טען יאהר.

דיא מיטעלמעסיגע פאמיליען, וועלכע האבען זייערע קינדער אין דיעזע אנשטאלטען, צאהלען, וויא געוועהנליך, א גאנץ קליינע יעהרליכע סומע פיר דער ערציהונג; אבער זייא זיינען פערפליכטעט צו א גאנץ אנדערע זאך. זייא מוזען יעדען מאנאט ארונטער געבען א טהייל פון זייער פערדיענסט צום פערוואלטער פון דער אנשטאלט, אונד דיעזער זאמעלט צונויף דיעזע סומע אום צו דיענען שפעטער אלס נדן. דאס איז אויך דיא אורזאכע, ווארום דאס געזעטץ שרייבט פאר יעדער פאמיליע וויפיעל עס איז איהר ערלויבט צו ספענדען.

דיא ליליפוטאנער דענקען, אז עס קען ניט זיין קיין קרומערע זאך, וויא צו ברענגען קינדער אויף דער וועלט אונד זייא דאן איבערלאזען קהל זאל פאר זייא זארגען, וועהרענד זייערע פערדיענסטען זיינען אוועק אום צופריעדען צו שטעלען זייער גרויסען אפעטיט.

גאנץ רייכע עלטערן געבען א פערזיכערונג, אז זייא וועלען בעזארגען יעדעס קינד מיט א פאסענדער סומע געלד, לויט זייער פערמעגען.

דאס געלד דעפאנירט צו אזא צוועק, ווערט אימער פערוואלטעט זעהר עקאנאמיש אונד גערעכט.

דיא ארבייטער האלטען זייערע קינדער צו הויז, ווייל זייער בעשעפטיגונג איז נאר אום צו בעארבייטען דיא ערד, אונד זייער ערציהונג האט אלזא גאר ניט וואס צו טהון מיט דעם אלגעמיינעם פאלק. דיא אלטע אונד קראנקע פון דיא ארבייטער, ווערען אויסגעהאלטען אין ספעציעלע אנשטאלטען; ווייל בעטלען איז איין אונבעקאנטע פראפעסיאן אין דיעזען קייזערטהום.

איך רעכען, אז דער נייגיעריגער לעזער וועט זיך געווים דא אינטערעסירען צו וויסען עפעס איבער מיר זעלבסט, דאס הייסט, איבער מיין ארט לעבען אין ליליפוט לאנד וועהרענד א צייט פון 9 מאנאט מיט 13 טעג.

איך האב אימער געהאט א נייגונג צו ארבייטען אונד עפעס אויפטהאן, אונד דערצו, זייענדיג געצוואונגען פון נויטהווענדיגקייט, האב איך פאר מיר געמאכט א טיש אונד א בייגקעל, וועלכע איך האב פערפערטיגט פון דיא גרעסטע בוימער פון קייזערליכען גארטען.

צווייא הונדערט נייטאָרינס זיינען געווען בעשעפטיגט פאַר מיר צו מאַכען העמדער אונד דעקען פיר מיין בעט אונד טיש. דאס אַלעס איז געמאַכט געוואָרען פון דער שטאַרקסטער אונד גרעבסטע ליינוואַנד וואס מען האט נאָר געקענט גע־פינען. אָבער דאס האט אויך ניט געהאָלפען, דען זייא זיינען געצוואונגען געווען דאס צוזאַמענלעגען עטליכע מאָל, ווייל זייער דיקסטע ליינוואַנד איז פאַר מיר געווען זעהר דין.

זייער ליינוואַנד איז וויא געוועהנליך 3 צאָלל ברייט אונד א לענג פון 3 פוס איז א גאַנץ שטיקעל ליינוואַנד.

דיא נייטאָרינס האבען מיר גענומען דיא מאָס, בשעת איך בין געלעגען אויף דער ערד; איינע איז געשטאַנען אויף מיין האַלז אונד א צווייטע אויף מיין פוס. זייא האבען געהאַלטען זייערן א שטריק אויסגעצויגען, וועהרענד א דריטע האט דאַן געמאָסטען מיט א ליניע וויא לאַנג דער שטריק איז דאַן האבען זייא אויך אָב־געמאָסטען דעם גראָבען פינגער פון מיין רעכטער האנד אונד זיינען פערטיג געוואָרען.

לויט זייערע מאַטהעמאַטישע אויסרעכנונגען, קענען זייא וויסען פון דעם גראָבען פינגער, צו געבען א מאָס פון דעם גאַנצען קערפער, אונד, מיט דער הילף פון מיין אַלטעס העמד, וואס איך האב אויסגעשפרייט אויף דער ערד פאַר זייא אַלס א מוסטער, האבען זייא דאַן פערפערטיגט א גוט־פּאַסענדעס העמד.

דרייא הונדערט שניידערס זיינען געווען בעשעפטיגט צו מאַכען פאַר מיר קליידער; אָבער זייא האבען שוין געהאט איין אַנדערן איינפאַל וויא צו נעהמען דיא מאָס.

איך האב ניעדערגעקניעט אונד זייא האבען צוגעשטעלט א לייטער פון דער ערד ביז צו מיין האַלז; אויף דיזער לייטער איז איינער ארויף געקראָכען. פון דאָרט האט ער ארונטער געלאָזען א שטיקעל בלייא ביז צו דער ערד, וועלכעס האט אויסגעמאַכט אַקוראַט דיא לענג פון מיין ראָק. וואס עס אַנבעלאַנגט מיין ברוסט אונד הענדע, האב איך זייא אַליין אָבגעמאָסטען.

מיינע קליידער זיינען גענעהט געוואָרען אין מיין הויז, ווייל זייער גרעסטע פאַבריק וואָלט צו קליין געווען דאַפיר. ווען אַלעס איז פערטיג געוואָרען אונד איך האב זייא מיר אָנגעטהאָן, האבען דיא קליידער אויסגעזעהען וויא דיא לאַטע־ארבייט וואס דיא דאַמען מאַכען אין ענגלאַנד, מיט דער אויסנאַהמע וואס מיינע לאַטעס זיינען געווען פון אַלע קאָלירען.

איך האב געהאט 300 קעבערס אום פֿאַרצובערייטען מיין עסען. זייא האבען געהאט בעקוועמע געצעלטען אין פראַנט פון מיין וואָהנונג, וואו זייא האבען געלעבט מיט זייערע פאמיליען. יעדער איינציגער קעבער האט פאר מיר אָבגעקאָכט צווייער־לייא מאכלים.

איך פלעג ארויף נעהמען צוואנציג קעלנערס אויף מיין האנד אונד זייא אוועק שטעלען אויף מיין טיש. אנדערע הונדערט קעלנערס האבען בעדיענט אונטען אויף דער ערד; מאנכע האבען צוגעבראכט שיסלען מיט פלייש, אנדערע פעסער מיט וויין אונד אַנדערע געטרענקע וואס זייא האבען געטראגען אויף דיא פלייצעס. אלע דיעזע זאכען, האבען דיא קעלנערס פון דעם טיש, ארויף געצויגען. איך האב דאס שוין איינגעריכטעט מיט שטריק, אז אַלעס זאָל צו געהען גראַדע וויא מען ציהט ארויף עמערס מיט וואסער אין איירָאָפּאַ.

א שיסעל מיט זייער פלייש, איז מיר גענוג געוועזען אייף א ביסען, אונד א פעסעל פון זייער וויין אויף א זופּ.

זייער לאַם־פלייש איז עהנליך צו אונזערן, נאָר דאס רינד־פלייש איז אויסגע־צייכענט. איך האב אמאל געהאט א שטיק פלייש געבראָטען אויף דיא קוילען, וואס איז מיר גענוג געוועזען אויף דרייא ביסען; אָבער אזא גרויסעס שטיק פלייש, איז געוועזען א זעלטענהייט. מיינע דיענער זיינען ערשטוינט מיך צו זעהען דאס אויפעסען מיט דיא ביינער מיט אלעמען, גראַדע וויא מען עסט בייא אונז אין איירָאָפּאַ דיא קליינע פייגעלעך.

זייערע א גאַנז אונד איין ענדיק, האב איך וויא געוועהנליך געהאט אויף איין ביס, אונד איך מוז מודה זיין, אז זייא זיינען בעסער וויא דיא אונזעריגע. פון זייערע קלענערע עופות, האב איך געקענט אויפשטעקען 20 אָדער 30 אויף׳ן שפּיטץ פון מיין מעסערל.

אין א טאָג, ווען זיין קייזערליכע מאַיעסטעט האט ערפאהרען וויא איך לעב, האט ער געוואונשען, דאס ער אונד זיין קייזערליכע פרוי מיט דיא יונגע פרינצען אונד פרינצעסינס, „זאָלען האבען דאס גליק,“ וויא ער האט זיך אויסגעדריקט, צו עסען מיט מיר.

זייא זיינען ערשיענען, אונד נעהמענדיג זייא מיט זייערע שטאאטס־שטוהלען, האב איך זייא ארויף געשטעלט אויף מיין טיש. זייא זיינען געשטאנען גראדע געגענ־איבער מיר מיט זייער גווארדיע נעבען זייא.

פלימנאַפּ, דער פינאַנץ־מיניסטער, איז אויך ערשיענען מיט זיין ווייסען שטאַב. איך האב בעמערקט, אז ער האט אָפּט אויף מיר געקוקט מיט א זויערן פּנים,

וועלכעס איך האב מיך נעמאכט ניט זעהענדיג, אונד גענעסען נאך מעהר וויא אימער, צור עהרע פון מיין טהייערעס לאנד, וויא אויך אום ארויס צו רופען בעד וואונדערונג בייא דעם הויף.

איך האב מאנכע פריוואט אורזאכען צו גלויבען, אז דיעזער בעזוך פון זיינער מאיעסטעט האט געגעבען פלימנאפ'ן א געלעגענהייט מיר צו טהון רעות ביים קייזער. דיעזער מיניסטער איז אימער געווען מיין געהיימטער שונא, אבוואהל ער האט מיך זאנסט פיעל געשמייכעלט, וואס איז געווען א ווידערשפרוך צו זיין מרה־שחורה'דיגער נאטור.

ער האט דערצעהלט דעם קייזער איבער דעם שלעכטען צושטאנד פון דיא פינאנצען ; אז ער איז געצוואונגען געווען צו לייהען געלד אויף גרויסע פראצענטען ; אז שטאאטס־פאפירען וועלען ניט קענען מעהר צירקולירען מיט 9 פראצענט װעניגער פון דעם אויפגעשריעבענעם ווערטה ; אז איך האב שוין געקאסט זיינע מאיעסטעט איבער אנדערטהאלבען ביליאן ספרוגס (דאס איז זייער גרעסטע גאלדענע מטבע, אזוי גרויס וויא אונזערע א פליטערקע), אונד, איבערהויפט, אז עס וועט זיין דיא בעסטע זאך פאר'ן קייזער, ער זאל זיך בעדיענען מיט דער ערשטער אונד בעסטער געלעגענהייט, מיר צו געבען דעם וועג.

איך בין דא געצוואונגען צו פערטהיידיגען דיא עהרע פון זעהר איין אנ־שטענדיגע דאמע, וועלכע האט אונשולדיג געליטען דורך מיר. דיא געשיכטע איז אזוי געווען : דעם פינאנציער האט זיך פערוואלט צו זיין אייפערזיכטיג איבער זיין פרוי. דאס האט געשטאמט דערפון וואס אייניגע שלעכטע מענשען האבען איהם דער־צעהלט, אז דיא דאמע האט זיך אין מיר פערליעבט. דער סקאנדאל אין הויף איז שוין געווען אזוי גרויס, דאס זיא איז אמאל געקומען אין געהיים אין מיין הויז.

איך בין מודה, אז זיא איז געקומען אפט אין מיין הויז, אבער יעדעס מאל איז זיא ערשיענען עפענטליך, אונד אויך ניט אהן דרייא בעגלייטער אין איהר דראשקע. דיעזע זיינען געווען איהר שוועסטער, איהר יונגע טאכטער אונד א גוטע בעקאנטע. אבער זיא האט ניט געמאכט קיין אויסנאהמע, דען מעהרערע אנדערע הויף־דאמען האבען דאסזעלבע געטהאן. איך וואלט נאך יעטצט געקענט נעהמען אלע מיינע דיענער אלס עדות, אז זייא זאלען זאגע, אויב זייא האבען אמאל געזעהען א דראשקע פאר מיין טהיר, אהנע זייא זאלען וויסען ווער דאס איז.

בייא זאלכע געלעגענהייטען, ווען א דיענער האט מיר אנגעצייגט, אז א גאסט איז דא, בין איך באלד צוגעגאנגען צו דער טהיר. נאכדעם וויא איך האב דעם גאסט אדער געסט בעגריסט, פלעג איך נעהמען דיא דראשקע מיט דיא צווייא

פע־ד, זעהר פאָרזיכטיג אין מיינע הענד, (ווייל ווען עס זיינען געוועזן 4 פערד, האט דער טרייבער אימער אויסגעשפאנט צוויא.) אונד זייא געשטעלט אויף מיין טיש. ארום דעם טיש האב איך שוין געמאכט א זייט פון 5 צאָלל הויך אום צו פערהיטען איין אונגליק. מעהרערע מאל האב איך אויך געהאט פיער דראָשקעס מיט פערד, אויף איימאל, אויף מיין טיש. אלע פלעגען זיין פול מיט געסט, ווערהענד איך בין געזעסען אויף מיין שטוהל מיט מיין געזיכט געגען זייא.

צור צייט וואס איך האב פערבראכט אין געשפרעך מיט איין פארטייא, האט דער טרייבער געקענט גאנץ געמיטהליך ארום שפאצירען מיט דיא איבריגע אויף'ן טיש. אויף אזא ארט, האב איך צוגעבראכט מעהרערע נאכמיטאגען אין זעהר אנגענעהמע געזעלשאפט.

איך פאָרדער אויף דעם פינאנץ־מיניסטער מיט זיינע צווייא מוסרים (איך וועל אָנרופען מאנכע נעהמען אונד זאָלען זייא טהון וואס זייא קענען,) קלוסטרי אונד דרונלאָ, זייא זאָלען מיר צייגען איין פערזאָן וואס איז צו מיר געקומען אין געהיים, אויסער דער סעקרעטער רעלדרעסאל, וועלכער איז אמאל געשיקט געוואָרען אויף א ספעציעלען בעפעהל פון זיינער מאיעסטעט, וויא איך האב שוין דערצעהלט.

איך וואָלט ניט אזוי פיעל פערבראכט איבער דיעזער געשיכטע, ווען דאָ וואָלט זיך ניט געהאנדעלט איבער דער עהרע פון א גרויסער דאמע, וועלכע איז אין דעם בעטהייליגט, שוין ניט רעדענדיג פון מיין אייגענער עהרע. עס איז אויך טראָטץ דעם וואס איך האב דאמאלס געהאט דיא עהרע צו זיין א נארדאק, וועלכעס דער פינאנץ־מיניסטער זעלבסט איז עס ניט.

דיא גאנצע וועלט וויים אויך, אז ער איז נאָר א גלומגלום, וועלכעס איז ניעדריגער מיט א גראד וויא דער טיטעל מארקיז איז פון א דיוק אין ענגלאנד. איך גיב אָבער דאָ צו, אז ער איז געשטאנען העכער פון מיר זעלבסט, ווייל ער האט געהאט א רעכט צו זיין אמט.

דיעזע פאלשע בעריכטע, וועלכע איך האב נאכהער ערפאהרען דורך א צופאל וואס עס פאסט דאָ ניט צו דערמאהנען, האבען פעראורזאכט וואס דער פינאנציער האט זיך זעהר אונאנגענעהם געצייגט צו זיין פרוי א היבשע צייט אונד צו מיר נאך ערגער. אָבוואָהל ער האט זיך ענדליך איבערצייגט, אז דאס איז ניט אמת אונד ער האט זיך מיט איהר איבערגעבעטען, דעננאך האב איך פערלוירען יעדעס צוטרויען בייא איהם, אונד איך האב אויסגעפינען, אז איך האב פערלוירען דעם חן אין קייזער'ס אויגען, וועלכער איז געוועזן צופיעל בעהערשט פון זיין ליעבלינג.

קאפיטעל 7.

דער פערפאַסער, נאכדעם וויא ער ערפאַהרט פון א פּלאַן איהם צו בעשולדיגען אין הויכפערראַטה, מאַכט א ויברח נאך בלעפוסקו. — זיין עמפּפאַנג דאָרטען.

דער בעריכט וויא אזוי איך האב פערלאָזען ליליפּוט לאַנד, מעג דאָ פריהער בעשריעבען ווערען מיט מאַנכע איינצעלהייטען איבער א פּריוואַט אינטריגע וואס איז געפיהרט געוואָרען זייט צווייא מאָנאַט געגען מיר.

איך האב, זייט דאַמאלס, בעדאַרפט פערבלייבען א פרעמדער פון דעם הויף, אונד דערצו האט מיך געפיהרט דיא ערניעדריגונג פון מיין שטאַנד.

איך האב ווירקליך געהערט אונד געלעזען גענוג איבער דיא משפטים פון גרויסע הערשער אונד מיניסטאָרען, אָבער איך האב קיינמאל ניט ערוואַרטעט צו געפינען אזעלכע שרעקליכע זאַכען אין אזא ווייטעס לאַנד, בעהעררשט, וויא איך האב געגלויבט, לויט זעהר פערשיעדענע רעגעלען פון דיעזע אין אייראָפּא.

דער לעזער קען זיך טראַינערן, אז איך האב פערלאַנגט דיא ערלויבנים צו געהען בעזוכען דעם קייזער פון בלעפוסקו. ווען דיא צייט איז געקומען, איז ערשיענען זעהר א געאַכטעטע פּערזאָן פון הויף (וועלכען איך האב אמאל זעהר פיעל געהאָלפען ווען זיינע מאַיעסטעט איז אויף איהם געווען אין כעס.) ער איז געקומען צו מיין הויז גאַנץ פּריוואַט אונד ביי נאַכט, אין א פערמאַכטער דראָשקע, אונד אָהנע פריהער אריין צו שיקען זיין נאמען, האט ער באלד פערלאַנגט איך זאָל איהם אריין לאָזען.

דיא דיענער זיינען ארויס געשיקט געוואָרען. איך האב גענומען דעם שטוהל מיט'ן לאָרד אונד זייא אריין געלעגט אין מיין ראָק־קעשענע, אונד געבענדיגט א בעפעהל צו מיינע פערטרויעטע דיענער זייא זאָלען זאגען אז איך פיהל ניט גוט אונד בין געגאַנגען שלאָפען, האב איך צוגעשלאָסען דיא טהיר פון מיין הויז, אוועק געשטעלט דעם שטוהל אויף'ן טיש, לויט וויא מיין מנהג איז געווען, אונד מיך אויך דאָרט אוועק געזעטצט.

נאכדעם ווא דיא געוועהנליכע בעגריסונג איז געווען פאָראיבער, האב איך בעמערקט דאס געזיכט פון דעם לאָרד זעהר בעטריעבט. פרעגענדיג נאך דער אורזאַכע האט ער מיר געענטפערט:

„איך ווינש איהר זאָלט מיך אויסהערען איבער א געגענשטאַנד וואס איז נוגע אייער עהרע אונד לעבען.“

זיינע ווערטער האבען געהאט פאָלגענדען אינהאַלט, ווייל איך האב מיר אלעס פערצייכענט:

„איהר זאָלט וויסען,“ האט ער אָנגעפאַנגען, „אַז עטליכע קאָמיטעען פון דעם פאַרלאַמענט, זיינען לעטצטענס ערשיענען, אין געהיים, איבער אייך. עס זיינען פאָר־איבער בלויז צווייא טעג, זייט זיינע מאַיעסטעט איז געקומען צו א פאָלשטענדיגען בעשלוס.

„איהר ווייסט וואהרשיינליך, אַז ס ק י ר ע ש ב אָ ל ג אָ ל א ם (ג אַ ל ב ע ט אָדער דער הויכער אַדמיראַל,) איז געווען אייער טויט־פיינד זייט אייער אנקונפט. זיינע ערשטע אורזאַכען ווייס איך ניט; אָבער זיין האַס האט זעהר געשטיעגען זייט אייער גרויסען זיעג געגען בלעפוסקו, דורך וועלכען זיין עהרע אלס אדמיראל איז געפאַלען.

„דיעזער לאָרד שטעהט אין פערבינדונג מיט פ ל י מ נ א פ ׳ ן, דער פינאַנץ־מיניסטער, וועלכענ׳ס האַס צו אייך איז גוט בעקאַנט איבער זיין פרוי. ל י מ ט אָ ק דער גענעראַל, ל אַ ל ק אָ ן דער קאַמערהערר, אונד ב אַ ל מ ו ף דער אויבער־ריכטער, האבען פאָרבערייטעט אנקלאַגע־אַרטיקלען געגען אייך, פיר הויכפעררעטה אונד אַנדערע גרויסע פערברעכענס.“

דיעזע פאָררעדע האט מיך געמאַכט זעהר אונגעדולדיג, נאַכדעם וויא איך האב גוט געוואוסט פון מיינע הויכע פערדיענסטען אונד אונשולד, דאס איך האב איהם געוואָלט אונטערברעכען. ער האט מיך אָבער געבעטען איך זאָל שווייגען אונד ער האט ווייטער געזאַגט:

„אויס דאַנקבאַרקייט פאר דיא טובות וואס איהר האט מיר געטהאָן, האב איך מיר פערשאַפט אלע איינצעלהייטען איבער דער געשיכטע, וויא אויך א קאָפּיע פון דיא אַרטיקלען, אונד איך וואַג מיט מיין קאָפּ אייך צו העלפען. דאס איז דיא אַנקלאַגע:

„אַרטיקלען פון אַנקלאַגע געגען קווינבוס פלעסטרין, דער מענש־באַרג.

אַרטיקעל 1.

„נאַכדעם, דורך א געזעטץ פאַסירט אין לאַנד פון זיין קייזערליכער מאַיעסטעט, ק אַ ל י ן ד ע פ פ א ר פ ל ו ק ע, איז עס בעשטימט, דאס אירגענד יעמאַנד וואס

איז משתין אין דער אומגעבונג פון דעם קייזערליכען פאלאסט, איז אונטערוואָרפען דעם שמערץ אונד שטראפע פון הויכפעררעטה. אונגעאַכטעט דארויף, האט דער גענאַנטער קווינבוס פלעסטרין, אין עפענטליכער פערלעטצונג פון דעם גענאַנטען געזעטץ אונטער דעם אויסרייד פון אויסלעשען א פייער אָנגעצונדען אין דיא צימערן פון זיינער מאיעסטעט'ס פיעל געליעבטע פרוי, מיט פעררעטהערישער אונד טייפ־לישער אבזיכט, אָבגעלאָזען זיין השתנה אונד אויסגעלאָשען דאס פייער אנגעצונדען אין דיא גענאַנטע צימערן, וואס ליעגען אונד זיינען אין דער אומגעבונג פון דעם גענאַנטען קייזערליכען פאלאסט, געגען דיא געזעטצע א. ז. וו. געגען דער פליכט א. ז. וו.

ארטיקעל 2.

„דער גענאַנטער קווינבוס פלעסטרין, נאַכדעם וויא ער האט געבראַכט דיא קייזערליכע פלאָטע פון בלעפוסקו אין אונזער האפען, אונד זייענדיג בעאויפטראגט פון זיין קייזערליכער מאיעסטעט צו עראָבערן אלע אנדערע שיפען פון דעם גענאַנטען בלעפוסקו קייזערטהום, אונד פעראורזאַכען דיעזעס קייזערטהום ווייטער רעגיערט צו ווער'ען פון א וויצע־קעניג, אונד צערשטערען אונד טויטען ניט נאָר אלע ביג־ענדיאַן פערטריעבטענע, זאָנדערן אויך אלע אנדערע מענשען פון דיעזען קייזערטהום וואס וועלען ניט באלד אויפגעבען דיא ביג־ענדיאַן אפיקורסית; האט ער, דער גענאַנטער פלעסטרין, וויא א פאלשער פעררעטהער געגען זיין גאסט־פריינדליכער אונד ליכטיגער קייזערליכע מאיעסטעט, געבעטען מען זאָל איהם ענטשולדיגען פון דעם גענאַנטען דיענסט, אונטער דער בעהויפטונג, אז ער וויל ניט צווינגען דאס געוויסען אָדער צערשטערען דיא פרייהייטען אונד דאס לעבען פון איין אונשולדיגעס פאָלק.

ארטיקעל 3.

„דאס נאַכדעם וויא געוויסע אמבאסאדאָרען זיינען געקומען פון דעם הויף אין בלעפוסקו, צו בעטען אום פריעדען אין הויף פון זיינער מאיעסטעט, האט ער, דער גענאַנטער פלעסטרין, געהאנדעלט וויא א פאלשער פעררעטהער, אונד געהאָלפען, געשטיצט, געגעבען בעקוועמליכקייט אונד אונטערהאלטען דיא גענאַנטע אמבאסאַ־דאָרען, אונגעאַכטעט דארויף וואס ער האט געוואוסט, אז זייא זיינען דיא דיענער פון א יהערשער, וועלכער איז לעטצטענס געווען איין עפענטליכער שונא פון זיין

קייזערליכער מאַיעסטעט, אונד איז אַרויס אין עפענטליכען קריעג געגען זיין גענאַנטער מאַיעסטעט.

אַרטיקעל 4.

„דאַס דער גענאַנטער קווינבוס פלעסטרין, געגען דיא פליכטען פון א גע־טרייען אונטערטהאַן, פאַרבערייטעט זיך יעטצט צו מאַכען א רייזע צום הויף פון בלעפוסקו קייזערטהום, אונד, אונטער דעם אויסרייד פון אַזא ערלויבניס, בעאַבזיכטיגט ער מיט פאַלשע אונד פעררעטהערישע פלענער, צו העלפען, שטיטצען אונד געבען בעקוועמליכקייט דעם קייזער פון בלעפוסקו, וועלכער איז לעטצטענס געווען א פיינד אונד אין עפענטליכען קריעג געגען דער גענאַנטער קייזערליכער מאַ־יעסטעט.“

עס זיינען נאָך דאַ אַנדערע אַרטיקלען, נאָר דיעזע ביז יעטצט, זיינען דיא וויכטיגסטע. איך וועל דאַ אונטערדרעסען איבערגעבען נאָך דיא איבריגע ווערטער וואס מיין פריינד האַט מיר דערצעהלט: —

„אין דיא עטליכע דעבאַטען וועגען דיעזער אַנקלאַגע, מוז מען מודה זיין, אַז זיין קייזערליכע מאַיעסטעט האַט זיך פיעלע מאָל געצייגט זעהר גנעדיג צו אייך, אונד ער האַט מעהרערע מאָל ערמאַנערט אָן דיא דיענסטען וואס איהר האַט גע־לייסטעט אונד ער האַט פּראָבירט צו פערלייכטערן אייער פערברעכען. דער פינאַנץ־מיניסטער אונד דער אַדמיראַל, האָבען אָבער בעהויפּטעט, אַז איהר מוזט ער־האַלטען דעם שמערצהאַפטעסטען אונד שענדליכסטען טויט, דערמיט וואס מען זאָל אָנצינדען אייער הויז בייא דער נאַכט. דער גענעראַל זאָל בעוואַכען דיעזע סצענע מיט צוואַנציג טויזענד סאָלדאַטען, בעוואָפענט מיט פערגיפטעטע פיילען, אייך צו שיסען אין געזיכט אונד הענד.

„מאַנכע פון אייערע דיענער האָבען בעדאַרפט קריעגען געהיימע בעפעהלע צו בעגיסען אייערע העמדער אונד בעט־צייג מיט א פערגיפטעטען זאַפט, וואָס וואָלט באַלד פעראורזאַכט איהר זאָלט אָברייסען דאַס פלייש פון אייך, אונד שטאַרבען אונטער שרעקליכע מאַרטערניסע.

„דער גענעראַל איז אויך געווען פון דערזעלבער מיינונג, אונד איהר האַט גע־האַט א מערצאָהל געגנער; אָבער זיין מאַיעסטעט, בעאַבזיכטיגענד צו רעטען אייער לעבען, האַט ענדליך אָבגעטרעדט דעם קאַמערהערר.

„בייא דיעזער געלעגענהייט, האַט רעלדרעסאַל, דער הויפּט־סעקרעטער פיר פּריוואַט־אַנגעלעגענהייטען, וועלכער האַט זיך אימער געצייגט צו זיין אייער וואָהרער

פריינד, ערהאלטען איין אויפטראג פון זיינער מאיעסטעט צו זאגען זיין מיינונג. ער האט דאס אויך געטהאן, אונד איהר מעגט זיכער זיין, אז איהר האט ניט קיין טעות ווען איהר רעכענט איהם פאר א פריינד.

„ער האט צוגעגעבען, אז אייערע פערברעכענס זיינען גרויס, אבער עס איז נאך אימער דא פלאטץ פיר גנאדע, וועלכעס איז דיא העכסטע מעלה פון א הערר־שער, אונד פיר וועלכען זיינע מאיעסטעט איז אזוי בעריהמט.

„ער האט ווייטער בעהויפטעט, אז דיא פריינדשאפט צווישען איהם אונד אייך איז אזוי גוט בעקאנט אין דער וועלט, אז דאס עהרענהאפטעסטע מיניסטעריום וועט איהם פיעלייכט רעכענען פאר פארטייאיש; אבער, נאך אלעמען, איז ער דאך בערייט צו זאגען זיין עהרליכע מיינונג לויט דעם אויפטראג פון זיין קייזער־ליכער מאיעסטעט. דיעזע מיינונג איז נעמליך אזוי: דאס נעהמענדיג אין אנבע־טראכט דיא דיענסטע וואס איהר האט געלייסטעט, אונד געשטיטצט דארויף וואס זיינע מאיעסטעט איז א גנעדיגער אונד בארמהערציגער מאנארך, שטימט ער דערפאר איין צו רעטען אייער לעבען, אונד בלויז ארויס געבען בעפעהלע אייך אויסצו־שטעכען ביידע אויגען. דיעזע שטראפע, וועלכע ער בעטראכטעט אין זיין אונטער־טהעניגקייט אלס פאסענד אונד גערעכט, וועט, אין א געוויסער בעציהונג יעדען צופריעדען שטעלען, אונד דיא גאנצע וועלט וועט דאן אפלאדירען דיא מילדקייט פון דעם קייזער, וויא אויך דיא שעהנע אונד בארמהערציגע האנדלונג פון דיעזע וואס האבען דיא עהרע צו זיין דעם קייזער׳ס יועצים.

„אז דער פערלוסט פון אייערע אויגען וועט ניט זיין קיין שטערונג צו אייער קערפערליכע קראפט דורך וועלכער איהר קענט דעם קייזער נוטצען ברענגען; דאס בלינדקייט פערמעהרט דעם מוטה אונד פערמיידעט אונגליק פון אונז; דאס דיא מורא וואס איהר האט געהאט פאר אייערע אויגען איז געווען דיא גרעסטע הינדערניסע אום אריעבער צו ברענגען דעם פיינד׳ס פלאטע, איז א גאנץ גוטע אורזאכע ווארום איהר דארפט בלינד זיין. איבריגענס, איז עס פאלקאמען גענוג איהר זאלט זעהען דורך דיא אויגען פון דיא מיניסטארען, נאכדעם דיא גרעסטע הערר־שער טהון אויך דאסזעלבע.

„דיעזער פארשלאג, איז אבער עמפפאנגען געווארען מיט דער גרעסטער אונ־צופריעדענהייט פון דעם גאנצען מיניסטעריום. באלגאלאם, דער אדמיראל, האט ניט געקענט איינהאלטען זיין צארן; ער האט זיך ערהויבען אין דער גרעסטער וואוטה אונד געפרעגט מיט וועלכען רעכט דער סעקרעטער האט געוואגט צו געבען א מיינונג וואס זאל רעטען דאס לעבען פון א פערעטהער; דאס דיענסטע וואס

איהר האט געלייסטעט, זיינע, דורך אלע אורזאכען פון דעם שטאאט, אייער גרעסטעם פערברעכען; דאס איהר, וועלכער האט געקענט אויסלעשען דאס פייער מיט אייער השתנה איבער איהר מאיעסטעט׳ס צימערן (וועלכעס ער האט ערזיינערט מיט א שוידער) קענט אויך, צו איין אנדערער צייט, פעראורזאכען א מבול אויף דערזעלבער ארט אונד פערטרינקען דעם גאנצען פאלאסט. דאן, אז דיזעלבע קראפט וואס איהר האט אנגעווענדעט אריבער צו ברענגען דעם שונא׳ס פלאטע, קענט איהר ווידער בענוטצען, ווען איהר וועט אויפגערעגט ווערען, דיא פלאטע צוריק צו פיהרען. ער האט אויך א גוטע אורזאכע, האט ער געזאגט, צו גלויבען, אז אין הערצען זייט איהר א בין־ענדיאן אונד גלויבט, אז אייער דארף מען אויפברעכען בייא דער ברייטער זייט. אונד אזוי וויא אורזאכען פאנגען אן אין הערצען איידער זייא בעווייזען זיך אין דער עפענטליכקייט, האט ער אייך דערפאר בעשולדיגט אין הויכפערראטה אונד געפאָדערט אייער הינריכטונג.

„דער פינאנץ־מיניסטער איז געווען פון דערזעלבער מיינונג. ער האט בעוויזען צו וואס פאר א טרויעריגען צושטאנד זיינער מאיעסטעט׳ס קאססע האט געגרייכט, דערפאר וואס מען האט אייך בעדארפט אויסהאלטען, אונד, אז מיט דער צייט וועט גאר אונמעגליך זיין אייך אויסצוהאלטען. דערפאר, האט ער בעהויפטעט, איז דעם סעקרעטער׳ס מיינונג אויסצושטעכען אייערע אויגען, דורכאויס א פאלשע, ווייל דאס וועט נאך ניט זיין קיין רפואה צו דער מכה. ער האט געבראכט ביישפיעלע וואס האבען בעוויזען, אז עס וועט נאך ערגער ווערען. ער האט געזאגט, דאס ווען מיר ווילען עופות זאלען פעט ווערען, דאן שטעכען מיר אוים זייערע אויגען אונד זייא עסען דאן פיעל מעהר וויא פריהער. דער שלום איז געווען, אז לויט זיין מיינונג, איז זיין הייליגע מאיעסטעט אונד דער מיניסטער־ראטה, פאלקאמען איבערצייגט אין געוויסען, אז איהר זייט שולדיג, אונד דאס איז גאנץ גענוג אייך צו פעראורטהיילען צום טויט, אהנע נאך צו פאָרדערן דייטליכע אדער פאָרמעלע בעווייזע, לויט וויא דאס שטרענגע געזעטץ בעהויפטעט.

„אָבער זיין קייזערליכע מאיעסטעט, זייענדיג פאלשטענדיג ענטשלאָסען ניט צו צולאָזען קיין טויטעס־שטראפע, האט געהאט דאס גנעדיגע פערגניגען צו בעהויפטען, דאס נאכדעם וויא דער מיניסטער־ראטה רעכענט, אז אויסשטעכען בלויז דיא אויגען איז צו ווייניג, זאל נאך שפעטער צוגעלעגט ווערען איין אנדערע שטראפע.

„דערבייא האט אייער פריינד, דער סעקרעטער, אונטערטהעניג פערלאנגט ער זאל נאך אמאל אויסגעהערט ווערען. ער האט אייגענטליך געענטפערט אויף דעם

פינאַנץ־מיניסטער'ס בעהויפטונג, אַז זיינע מאַיעסטעט ספענדעט צו פיעל אום אייך אויסצוהאַלטען. ער האט אַזוי געזאגט:

„נאכדעם זיינע עקסעלענץ, דער פינאַנץ־מיניסטער, איז דער איינציגער פערוואַלטער פון דעם קייזער'ס איינקינפטע, קען ער גאַנץ לייכט פערהיטען א באַנקראָט אין דער קאססע, דאַמיט וואס ער זאָל לאַנגזאם פערקלענערן דיא הוצאות אויף אייער עסען. דאפיר וואס דער מענש־בארג וועט ניט קריעגען גענוג שפייז, וועט ער אַלץ ווערען שוואכער אונד שוואכער, פערלירען דעם אַפעטיט אונד אַוועק שטאַרבען אין עטליכע מאָנאַט צייט. דאס וועט פעראורזאַכען וואס זיין קערפער וועט דאַן ניט מעהר אַזוי שטינקען אונד ניט זיין אַזוי געפעהרליך, ווייל עס וועט קוים בלייבען א העלפט פון איהם. נאך זיין טויט, וועלען קענען פינף אָדער זעקס טויזענד פון זיינער מאַיעסטעט'ס אונטערטהאַנען, אין א 2 אָדער 3 טעג, אָבשניידען דאס פליש פון זיינע ביינער, דאס אַוועק פיהרען אויף וועגען אונד בעגראָבען אין א ווייטער געגענד אום צו פערהינדערן א פעסט. דער סקעלעט וועט קענען פערבלייבען אלס א מאָנומענט פון בעוואונדערונג פיר דיא שפעטערע דורות."

„דיא גרויסע פריינדשאַפט פון דעם סעקרעטער צו אייך, האט אַלזאָ געענדערט דעם גאַנצען צושטאַנד. מען האט זיך שטרענג פערפליכטעט, אַז דער פאָרשלאַג אייך לאַנגזאם צו פערהונגערן, זאָל בלייבען א געהיימניס. אָבער דיא שטראָפע אייך אויסצושטעכען ביידע אויגען, איז איינגעטראָגען געוואָרען אין דיא ביכער אָהן א שום פראָטעסט. מיט דער אויסנאַהמע פון באָלגאָלאַם, דער אדמיראַל, וועלכער איז דער קייזערין'ס א ווערק־צייג, האט נאך אַלץ בעהויפטעט, אַז מען זאָל אייך זאָפאָרט טויטען.

„באָלגאָלאַם איז אויך ניט אין גאַנצען שולדיג, ווייל איהרע מאַיעסטעט, דיא קייזערין, וויל נאָר אייער טויט, אונד עס איז אונמעגליך זיא זאָל אייך פערצייהען, פאַר אייער פערברעכען, אויף וואס פאר איין אַרט איהר האט אויסגעלאָשען דאס פייער.

„אין דרייא טעג אַרום, וועט אייער פריינד, דער סעקרעטער, קומען אין אייער הויז, אונד אייך פאָרלעזען דיא אנקלאַגע־אַרטיקלען; ער וועט אייך דאַן בעריכטען איבער דער גנאַדע אונד באַרמהערציגקייט פון זיינער מאַיעסטעט אונד זיין מיניסטעררַאטה, דורך וועלכען מען האט אייך בלויז פעראורטהיילט צו פערלירען ביידע אויגען. זיינע מאַיעסטעט צווייפעלט נאַטירליך ניט, אַז איהר וועט זיך מיט דאַנקבאַרקייט אונטערגעבען צו עמפפאַנגען דיעזע שטראָפע.

„צוואַנציג פון זיינער מאַיעסטעט'ס דאָקטוירים וועלען דאס בייוואָהנען, אום

צו זעהען, אז דיא אָפּעראַציאָן איז גוט דורכגעפיהרט. דיא אָפּעראַציאָן וועט שטאַט־פינדען אויף דיעזער ארט: איהר וועט זיך אוועק לעגען אויף דער ערד, אונד מען וועט אָבשיסען זעהר שאַרפע פיילען אין דיא עפּעלעך פון אייערע אויגען.

„יעטצט בין איך פערטיג, אונד איך לאָז אלעס איבער צו אייער פּאָזיטיוויטעט אום איהר זאלט וויסען וואס פאַר א מאסרעגעלען צו נעהמען. אום צו פערמיידען פערדאכט, מוז איך זאָפאָרט צוריק קעהרען גראדע אזוי געהיימניספאָל וויא איך בין ערשיענען."

דער לאָרד איז אוועק אונד איך בין צוריק געבליעבען אליין פערצווייפעלט אונד פערווירט.

עס איז געוועזען א מערקווירדיגער מנהג איינגעפיהרט פון דיעזען קייזער אונד זיין מיניסטעריום. דיעזער מנהג, לויט וויא איך האב ערפאהרען, איז געוועזען שטארק פערשיעדען לויט וויא מען האט זיך דאָרט געפיהרט אין אלע צייטען. דער צושטאַנד איז אזוי געוועזען: נאכדעם וויא דאס געריכט האט בעשטימט איין אונבארמהערציגע שטראפע, ענטוועדער צופריעדען צו שטעלען דעם קייזער'ס א קאפּריז אָדער דעם קאפּריז פון זיינעם א ליעבלינג, האט דער קייזער אימער אָבגעהאלטען א רעדע פאַר דעם גאנצען מיניסטער־ראטה, אויסדריקענדיג זיין גרויסע בארמהערציגקייט אונד צערטליכקייט, אלס מעלות בעקאַנט אונד געריהמט אין דער גאנצער וועלט.

דיעזע רעדע פלעגט זאָפאָרט פּובליצירט ווערען אין דער גאנצער וועלט. אָבער קיין זאך האט אזוי אויפגעציטערט דאס פאָלק, וויא אזא בארמהערציגקייט אונד צערטליכקייט. דיא אורזאכע דערפון איז געוועזען, אז וואס מעהר מען האט געלויבט דיעזע מעלות, אלס אונמעשליכער איז געוועזען דיא שטראפע, אונד, דאס וויכטיגסטע, דער ליידענדער איז געוועזען נאך אונשולדיגער.

אָבער וואס אנבעלאַנגט מיר, מוז איך מודה זיין, דאס נאכדעם מען האט מיך קיינמאל ניט בעשטימט אלס הויף־שמייכלער, ניט דורך געבורט אונד ניט דורך ערציהונג, בין איך געוועזען זעהר א שלעכטער ריכטער איבער אזעלכע אורטהיילע פון א מאָנארך. איך האב אום קיינעם פּרייז ניט געקענט ענטדעקען דיא בארמהערציגקייט אונד צערטליכקייט אין מיין שטראפע, אונד איך האב גאר בעטראכט, (פיעל־לייכט דורך איין אירטהום,) אז דאס איז מעהר שטרענג וויא צערטליך.

מאנכע מאל האב איך געטראכט איבערצושטעהען מיין פּראָצעס; ווייל, אָבוואָהל איך האב ניט געקענט בעשטרייטען דיא טהאטזאכען אויסגערעכענט אין דיא פערשיעדענע ארטיקלען, האב איך דאָך געהאָפט, אז זייא וועלען מוזיי פערלייכטערן דיא שטראפע.

אָבער נאכדעם וויא איך האב ביינעוואָהנט מעהרערע שטאאטס־פּראָצעסען אין מיין לעבען, וואו איך האב אימער געזעהען, אז אַלעס ענדיגט זיך אזוי וויא דיא ריכטער ווינשען אונד פערלאנגען, האב איך ניט געוואגט מיך צו פערלאָזען אויף אזא אורטהייל אין אזא קריטישען מאָמענט אונד געגען אזעלבע מעכטיגע שונאים.

איינמאל האב איך מיך פעסט ענטשלאָסען מיך צו שטעלען דאנעגען. וויל זאָלאנג וויא איך האב געהאט דיא פרייהייט, האט דיא גאנצע קראפט פון דיעזען קייזער־טהום מיך ניט געקענט בעזיעגען. איך האב אויך גאנץ לייכט געקענט צערשמעטערן דיא גאנצע הויפּטשטאָדט מיט שטיינער.

אָבער איך האב באלד צוריק געשטויסען דיעזע אידעע מיט פעראכטונג, ווען איך האב מיך דערמאָהנט אן מיין שבועה וואס איך האב גענעבען דעם קייזער, אן דיא טובות וואס ער האט מיר געטהאָן, אונד, איבערהויפּט, דעם הויכען ט י ט ע ל נ א ר ד א ק, וועלכען איך האב עמפּפאנגען פון איהם.

איך האב אויך ניט געהאט אויסגעלערענט דיא דאנקבארקייט פון הויף־שמייכלער, צו פערשטעהען, אז זיינער מאיעסטעט׳ס שטרענגער אויפטריט געגען מיר, האט מיך בעפרייעט פון אלע מיינע פערפליכטונגען אין דער פער־גאנגענהייט.

ענדליך האב איך געפאסט א בעשלוס, דורך וועלכען מען וועט מיך געוויס קריטיקירען, אונד אויך ניט אָהן רעכט, וויל איך בין מודה, אז איך האב מיר גע־רעטעט מיינע אויגען אונד שפּעטער אויך געקריעגען מיין פרייהייט, דורך מיין אייגענער גרויסער איבעראיילטקייט אונד אויפפיהרונג. ווען איך וואָלט געקענט דיא נאטור פון הערשער אונד מיניסטאָרען, וואס איך האב זייט דאמאלס שטודירט אין אנדערע הויפען, אונד וויא זייא בעהאנדלען פערברעכער וועניגער געפעהרליך וויא איך בין געוועזען, וואָלט איך געוויס מיט גרויסער איבערגעבענהייט אונד פער־גניעגען מקבל געוועזען אזא לייכטע שטראפע.

אָבער זייענדיג געטריעבען פון דעם יוגענדליכען חשק צו לעבען אונד געניעסען, אונד האבענדיג זיינער מאיעסטעט׳ס ערלויבנים אָבצושטאטען דעם בעזוך דעם קייזער פון בלעפוסקו, אונד אָהנע נאך צו וועלען ווארטען, בין איך אוועק צו דער זייט פון דער אינזעל וואו אונזער פלאָטע איז געלעגען.

אָנקומענדיג צו דער פלאָטע, האב איך ארויס געשלעפּט א קריעגס־שיף, צו־געבונדען א שטריק, ארויף געלעגט דיא אנקערס, דאן האב איך מיר אויסגעצויגען דיא קליידער אונד דיעזע אריין געלעגט אין דער שיף. שלעפּענדיג דיא שיף נאך

מיר, בין איך האלב געשוואומען אונד האלב געגאנגען ביז איך האב געגרייכט דעם קייזערליכען האפען פון בלעפוסקו, וואו דאס פאָלק האט מיך שון לאנג ער־ווארטעט.

מען האט מיר באלד געגעבען צוויא פיהרער, מיר צו ווייזען דעם וועג אין דער הויפטשטאָדט, וועלכע רופט זיך אויך בלעפוסקו.

דיעזע פיהרער האב איך געהאלטען אין מיינע הענד, ביז איך בין אָנגעקומען אויף 200 עללען פון דעם טויער. דאָרט האב איך זייא געבעטען זייא זאָלען לויפען פאָראויס אונד אנצייגען מיין אנקונפט צו איינעם פון דיא מיניסטאָרען, אונד איהם לאָזען וויסען, אז איך ערוואַרטע דעם בעפעהל פון זיינער מאיעסטעט.

אין א שטונדע צייט, האב איך ערהאלטען איין ענטפער, דאס זיינע מאיעסטעט, בעגלייטעט פון דער קייזערליכער פאמיליע, וויא אויך דיא העכסטע הויף־בעאמטע, קומען מיך צו עמפפאנגען.

איך האב דאן מיך דערנעהנטערט נאך אויף 100 עללען.

דער קייזער אונד זיינע בעגלייטער זיינען ארונטער פון דיא פערד, דיא קייזערין אונד דיא דאמען פון דיא דראָשקעס, אונד איך האב ניט געקענט בעמערקען, אז זייא זיינען בעקימערט אָדער דערשראָקען.

איך האב מיך אוועק געלעגט אויף דער ערד, אום צו קושען דיא האנד פון זיינער מאיעסטעט אונד דיא האנד פון דער קייזערין.

דאן האב איך דערצעהלט זיינער מאיעסטעט, אז איך בין ערשיענען לויט מיין פערשפרעכען, אונד מיט דער ערלויבנים פון דעם קייזער פון ליליפוט לאנד, וועלכער איז מיין העררע, אום „צו האבען דיא עהרע אונד זעהען דעם מעכטיגען מאָנארך אונד איהם אָנביעטען אלעס וואס ליעגט אין מיין קראפט, אבי דאס איז נאָר ניט געגען דער פליכט פון מיין אייגענעם העררשער.״

איך האב נאַטירליך ניט דערמאָהנט א וואָרט פון דער שטראפע וואס מען האט בעשטימט געגען מיר, ווייל איך האב נאך קיין אָפיציעלע נאכריכט ער־האלטען דאריעבער, אונד איך האב מיך געמענט רעכענען אלס גאנץ אונבעקאַנט מיט דער גאנצער אנגעלעגענהייט.

איך וועל ניט בעמיהען דעם לעזער מיט איין איינצעלנער בעשרייבונג איבער מיין עמפפאנג אין דיעזען הויף. איך וועל בלויז זאגען, אז דער עמפפאנג איז געווען פאסענד אונד זעהר שעהן פאר אזא גרויסען העררשער. איך וועל אויך ניט שילדערן דיא אונאנגענעהמע לאגע, ווען איך האב ניט געהאט קיין הויז אונד קיין בעט, אונד איך בין געצוואונגען געווען צו שלאָפען גלאט אויף דער ערד.

קאפיטעל 8.

דער פערפאַסער, דורך אַ גליקליכער צוטרעפונג, געפינט אַ מיטעל וויא אַזוי צו פערלאָזען בלעפוסקו; אונד נאך אייניגע שוויריגקייטען, געלינגט איהם צוריק צו קעהרען אין זיין אייגענעס לאנד.

מיט דרייא טעג נאך מיין אנקונפט אין בלעפוסקו, האב איך געמאַכט א שפאציר צו בעטראַכטען דיא מערקווירדיגקייטען פון דער געגענד. איך בין געקומען צו דער נאָרד־אָסט קיסטע פון דער אינזעל, אונד איך האב בעמערקט, אונגעפעהר א האלבע מייל וויט אויף'ן ים, עפּעס א זאך וואס האט אויסגעזעהען וויא איין איבערגעקעהרטעס שיפעל.

איך האב אויסגעצויגען מיינע שיך אונד זאָקען אונד בין אריין אין וואסער אויף א צווייא אָדער דרייא הונדערט עללען וויט, וואו איך האב געטראָפען דעם געגענשטאנד, וועלכער איז געשוואומען אלץ נעהנטער צום ברעג.

דאן האב איך מיך פאָלקאָמען איבערצייגט, אַז דאס איז ווירקליך א שיפעל, וועלכעס, לויט וויא איך האב גערעכענט, איז דאס דורך א שטורם אָבגעריסען געוואָרען פון א שיף אונד פערוואָרפען אויף'ן ים.

איך האב גלייך צוריק געקעהרט אין שטאָדט אריין, אונד געבעטען זיין קייזערליכע מאַיעסטעט, ער זאָל מיר לייהען צוואַנציג פון זיינע גרעסטע שיפען, וועלכע זיינען איהם צוריק געבליעבען נאך דעם פערלוסט פון זיין פלאָטע, אונד דרייא טויזענד מאטראָזען אונטער קאָמאנדאָ פון זיין וויצע־אדמיראל זאָלען מיטגעהען.

דיעזע פלאָטע האט אָבגעזעגעלט ארום דעם האפען, ווערהענד איך בין אוועק מיט דעם קירצעסטען וועג אויף דערזעלבער שטעלע פון דער קיסטע, וואו איך האב צום ערשטען מאל ענטדעקט דאס שיפעל.

איך האב דאן אויסגעפונען, אַז דאס וואסער האט עס נעהנטער צוגעבראַכט צום ברעג.

אַלע מאטראָזען זיינען געווען בעזאָרגט מיט שטריק, וועלכע איך האב פריהער צחאמען געבונדען אין א גרויסער לענג.

ווען דיא שיפען זיינען צוגעקומען, האב איך מיך אויסגעצויגען, אריין אין וואסער אונד בין צוגעקומען ביז אונגעפעהר א הונדערט עללען פון דעם שיפעל, אונד דאן בין איך געצוואונגען געוועז צו צו שווימען ביז צום שיפעל.

דיא מאטראָזען האבען ארונטער געוואָרפען דיא שטריק, וועלכע איך האב צוגעבונדען צו א לאַך וואס איז געוועז אין פראָנט־טהייל פון דעם שיפעל אונד דאן דאס בעפעסטיגט צו א קריעגס־שיף.

אונטערדעסען האב איך בעמערקט, אז מיין ארבייט איז אומזיסט, דען, זייענדיג אויף א פלאַטץ וואו איך האב אויף דיא פיס ניט געקענט שטעהען דורך דער טיעפקייט, האב איך ניט געקענט ארבייטען.

איך בין אלזאָ געצוואונגען געוועז צו שווימען הינטער דעם שיפעל אונד דאס שטופען יעדעס מאל פאָרווערטס מיט מיינע הענד. אויף דיעזער ארט האב איך געארביים אזוי לאנג, ביז איך האב געגרייכט א פלאַטץ וואו איך האב שוין געקענט שטעהען ביז צו מיין האלז אין וואסער.

איך האב מיך אָבגערוהט עטליכע מינוטען, אונד איך האב וויעדער אָנגע־פאנגען צו שטופען דאס שיפעל, אלץ ווייטער אונד ווייטער, ביז דאס וואסער איז מעהר ניט געוועז וויא ביז צו מיין ברוסט.

אָבער וויא דיא שווערסטע ארבייט איז געוועז פאָראיבער, האב איך גענומען דיא איבריגע שטריק וואס איך האב געהאלטען אויף א קריעגס־שיף, זייא צוגע־בונדען צום שיפעל אונד דאן צו דיא 9 שיפען וואס האבען מיר געהאָלפען.

דער ווינט איז געוועז א גינסטיגער, דיא מאטראָזען האבען געארבייט, איך האב צוגעהאָלפען, אונד אזוי זיינען מיר אָנגעקומען ביז א פערציג עללען פון דעם ברעג. דאָרט האב איך געווארט ביז דאס וואסער איז צוריק געפאלען אונד דאס שיפעל איז געבליעבען ליעגען אויף דער טריקענעש.

מיט דער הילפע פון א פאאר טויזענד מענשען אונד מאשינען, האב איך דאס שיפעל איבערגעקעהרט אונד געזעהען, אז דאס איז ניט פיעל בעשעדיגט.

איך וועל ניט בעמיהען דעם לעזער מיט דיא שוויריגקייטען וואס איך האב געהאט. איך האב געארבייט צעהן טעג צייט ביז איך האב מיר פערפערטיגט צוויא לאָפּעטעס צו טרייבען דאס שיפעל אויף'ן וואסער, אונד דאן האב איך דאס גע־בראכט אין קייזערליכען האפען פון בלעפוסקו. דאָרט איז ערשיענען דאס פאָלק אין גרויסע מאסען אונד בעוואונדערט מיין מעכטיגע שיף, וועלכע האט בייא זייא אויסגעזעהען אונגעהייער גרויס.

איך האב מיטגעטהיילט דעם לעזער, אז מיין גוטעס גליק האט מיר בעשערט דאס שיפעל אין מיין וועג, אום מיך צו פיהרען צו אירגענד א פלאטץ, פון וואנען איך זאָל קענען צוריק קעהרען אין מיין אלטער היימאטה. איך האב אויך געבעטען זיינע מאיעסטעט, ער זאָל ארויס געבען בעפעהלע מיך צו בעזאָרגען מיט אלעס נעטהיגע צו דער רייזע, וויא אויך איין ערלויבניס זאָל ער מיר געבען, איך זאָל מעגען אוועק פאָהרען.

נאך איינינע אונטעררעדונגען, איז דער קייזער געווען אזוי גנעדיג, אום מיין וואונש צו ערפיללען.

איך האב מיך זעהר געוואונדערט, וואס וועהרענד דיעזער גאנצער צייט, האב איך ניט געהערט פון קיין איינציגען בעפעהל פון מיין קייזער צום קייזער פון בלע־פוסקו איבער מיר. שפעטער האב איך אָבער ערפאהרען, אז זיין קייזערליכע מאיעסטעט פון ליליפוט לאנד, ניט האבענדיג דיא מינדעסטע אהנונג, אז איך וויים עפעס פון דיא פלענער נעגען מיר, האט נעגלויבט, דאס איך בין בלויז אוועק אין בלעפוסקו לאנד צו ערפיללען מיין פערשפרעכען, לויט דער ערלויבניס וואס ער האט מיר נענעבען, אונד איך וועל צוריק קעהרען אין עטליכע טעג ארום, נאך דעם וויא דיא צערעמאָניע וועט זיין פאָראיבער.

אָבער ענדליך איז ער געווען שטארק בעזאָרגט איבער מיין לאנגער אבוועזענהייט; אונד נאכדעם וויא ער האט זיך בעראטהען מיט דעם פינאנץ־מיניסטער אונד נאך עהגליכע אזעלכע לייטע, האט ער אָבגעשיקט איין איינפלוסרייכען הערר מיט א קאָפּיע פון דיא אנקלאגע־ארטיקלען נעגען מיר.

דיעזער שליח האט געהאט דעם אויפטראג צו ערקלערען דעם מאָנארך פון בלעפוסקו, „איבער דער גרויסער בארמהערציגקייט פון זיין העררן, דער קייזער פון ליליפוט לאנד, וועלבער איז צופריעדען מיך בלויז צו בעשטראפען דערמיט, וואס מען זאָל מיר אויסשטעכען דיא אויגען; אונד, ווען איך וועל ניט צוריק קעהרען אין צווייא שטונדען צייט, וועט מען פון מיר אוועק נעהמען דעם טיטעל נ א ר ד א ק, אונד מיך ערקלערען אלס א פערעטהער.“

דער געגאנטער שליח האט נאך וויטער נעזאגט, „דאס, אום צו פערזיכערן דיא פריינדשאפט אונד דעם פריעדען צווישען ביידע לענדער, ערווארטעט דער קייזער פון ליליפוט לאנד, אז זיין ברודער. דער מאָנארך פון בלעפוסקו לאנד, וועט ארויס געבען בעפעהלע, אז מען זאָל מיך צוריק שיקען נאך ליליפוט, געבונדען הענד אונד פיס, אום איך זאָל ערהאלטען דיא שטראפע אלס פעררעטהער.“

דער קייזער פון בלעפוסקו, נאכדעם וויא ער האט זיך גענומען צייט דרייא טעג פיר א בעראטהונג, האט ער אָבגעשיקט איין ענטפער מיט פיעלע קאָמפּ־לימענטען אונד ענטשולדיגונגען.

ער האט אזוי געזאגט:

„דאס וואס אנבעלאנגט צו דער אויפפאָרדערונג צו שיקען דעם מענש־בארג, געבונדען הענד אונד פיס, וויס מיין ברודער פון ליליפוט לאנד, אז דאס איז אונ־מעגליך. עס איז אפילו אמת, אז דער מענש־בארג האט מיר בערויבט מיין פלאָטע, אָבער דאָך בין איך איהם שולדיג זעהר פיעלע פליכטען, דערפאר וואס ער האט זיך געצייגט שטארק פריינדליך צו מיר אונד אויסגעווירקט איין עהרענהאפטען פריעדען צווישען אונז. יעדענפאלס אָבער, קען דער צושטאנד ניט אזוי לאנג פּוּ • בלייבען, ווייל דער מענש־בארג האט געפונען א גרויסע שיף נעבען ברעג, וואס וועט אימשטאנדע זיין איהם ארויס צו פיהרען אויף'ן ים, אונד איך האב געגעבען בעפעהלע מען זאָל איהם בעזאָרגען מיט אלע נעטהיגע לעבענס־מיטלען צו דיעזען צוועק. איך האָף אלזאָ, אז אין איינינע וואָכען ארום, וועלען אונזערעביידע לענדער פטור ווערען פון אזא גרויסער לאסט.“

מיט דיעזען ענטפער האט דער שליח צוריק געקעהרט נאך ליליפוט לאנד, אונד דער מאָנארך פון בלעפוסקו האט מיר אלעס דערצעהלט וואס עס האט פּאסירט.

אין דערזעלבער צייט אָבער, האט ער מיר אָנגעבאָטען, (נאָר אונטער דעם שטרענגסטען געהיים,) זיין גנעדיגען שטוץ ווען איך זאָל פערבלייבען אין זיין דיענסט. אָבוואָהל איך האב געגלויבט, אז ער איז גאנץ ערנסט, האב איך דענגאָך בע־שלאָסען זיך מעהר ניט צו פערטרויען אין הערשער אונד מיניסטאָרען, ווען איך קען דאס נאָר פערמיידען.

דערפאר, האב איך מיך פריהער זעהר שעהן בעדאנקט פאר זיינע גוטע אבזיכטען, אָבער איך האב מיך אונטערטהעניגסט ענטזאגט אָנצונעהמען דעם פאָרשלאג.

איך האב איהם געזאגט, דאס נאכדעם דאס גליק, גוט אָדער שלעכט, וויא עס וועט שוין זיין, האט מיר איינמאל בעשערט א שיפעל אין מיין וועג, בין איך ענטשלאָסען, איינער אליין, צו וואגען אונד מאכען א רייזע אויף'ן ים, אונד עס איז מיר פּ'על ליעבער צו טהון אזא זאך, איידער צו פעראורזאכען שטרייטיגקייטען צווישען אזעלכע „צוויא מעכטיגע מאָנארכען.“

איך האב ניט געזעהען, אז דער קייזער זאָל דערפאַר זיין אונצופריעדען, אונד איך האב אויך ערפאהרען, דורך א געוויסען צופאַל, אז מיין ענטשלוס האט איהם געפרייט. דערזעלבער פאַל איז אויך געוועזען מיט זיינע מיניסטאָרע.

דיעזע צושטאנדען האבען מיך בעוואויגען איך זאָל מיך בעאיילען שנעלער אָבצורייזען וויא איך האב מיר אנפאנגס פאָרגעשטעלט. דער הויף ווידער, וועלכער איז געוועזען זעהר אונגעדולדיג אום פון מיר פטור צו ווערען, האט אויך אַלעס מעגליכע געטהאָן, אום מיך מיט אַלעס צו בעזאָרגען פיר מיין רייזע.

פינף הונדערט ארבייטער זיינען געוועזען בעשעפטיגט אין פערפערטיגען זעגעל־ליינוואנד פיר מיין שיפעל, אונד, לויט מיינע בעפעהלע, איז דאס געמאכט געוואָרען צוזאמענלעגענדיג זייער ליינוואנד אין דרייצעהן פאכען.

אום מיך צו בעזאָרגען מיט שטריק, בין איך געצוואונגען געוועזען, צוזאמען צו דרעהען צוואנציגע אונד דרייסיגע פון זייערע דיקסטע שטריק.

נאך שווערער מיה איז מיר געלונגען צו געפינען א גרויסען שטיין ביים ים, אונד דיעזען האב איך בעשטימט פיר איין אנקער.

איך האב גענאָמען דעם חלב פון 300 קיה, אום אויסצושמירען מיין שיפעל אונד אויך צו אַנדערע צוועקען.

איך האב געהאט דיא אונגלויבליכע מיה מיר אָבצושניידען דיא העכסטע בוימער צו מאכען רודערס אונד זעגעל־בוימער. דאביי האבען מיר זעהר פיעל געהאָלפען זיינער מאיעסטעט׳ס שיפ׳ס סטאָלארס, וועלכע האבען זייא גלאט געמאכט נאכדעם וויא איך האב פערטיג געמאכט דיא גראָבע ארבייט.

אין א מאָנאט צייט, ווען אַלעס איז פערטיג געוואָרען, האב איך געשיקט דאריעבער אָנזאגען זיינער מאיעסטעט, אום צו נעהמען אבשיעד.

דער קייזער אונד דיא קייזערליכע פאמיליע זיינען ארויס געקומען פון דעם פאַלאסט. איך האב מיך אוועק געלעגט אויף מיין געזיכט אום צו קושען זיין האנד, וועלכע ער האט מיר זעהר גנעדיג געגעבען; דאסזעלבע האט אויך געטהאָן דיא קייזערין אונד דיא יונגע פרינצען אונד פרינצעסינס פון קייזערליכען בלוט.

זיינע מאיעסטעט האט מיר געגעבען פופציג ביימלען מיט צו 200 ספרונס אין יעדען בעזונדער, וויא אויך זיין בילד אין לעבענס־גרויס, וועלכעס איך האב גלייך אריין געלעגט אין איינער פון מיינע האנדשוה, אום זיא זאָל ניט צוקנייטשט ווערען.

דיא צערעמאָניען פון מיין אבשיעד זיינען געוועזען צו צאָהלרייך אום צו בעמיהען דעם לעזער דאמיט בייא דיעזער צייט.

איך האב אנגעלאדען דאס שיפעל מיט גאנצע אבגעשונדענע הונדערט אקסען אונד דרייא הונדערט שאף, מיט ברויט אונד געטרענקע, אונד אזוי פיעל פערטיג צובערייטעטעס פלייש, וויפיעל 400 קעבערס האבען געקענט אב־קאכען.

איך האב אויך מיטגענומען זעקס קיה אונד צווייא בוהייעס לעבעדיגע, וויא אויך אזוי פיעל לעבעדיגע שאף אונד באראנעס, מיט דער אבזיכט זייא צו פיהרען אין מיין לאנד, וואו זייא זאלען זיך פערמעהרען. אום זייא צו געבען עסען אויף דער שיף, האב איך מיטגעפיהרט א היבשעס בינטעל היי אונד א זאק קארן.

איך וואלט געווים מיטגענומען עטליכע פון דיא מענשעלעך, אבער דאס איז געוועזען א זאך, וואס דער קייזער האט אום קיינעם פרייז ניט געוואלט צו געבען. אונד, אויסער א טיכטיגע אונטערזוכונג אין מיינע קעשענעס, האט מיך דער קייזער בעשוואוירען בייא מיין עהרע, ניט מיטצונעהמען קיינעם פון זיינע אונטערטהאנען, ווען דאס איז אפילו מיט זייער אייגענע איינשטימונג.

האבענדיג אלעס פארבערייטעט אזוי גוט וויא עס איז מיר מעגליך געוועזען, האב איך אבגעזעגעלט אם 24־טען טאג פון דעם מאנאט סעפטעמבער, 1701, אום 6 אוהר פריה.

וויא איך בין ארויס א 4 מיילען פון דעם האפען אין דעם וועג נאך נארד, איז אנגעקומען א זיד־אסט ווינט, אונד אום זעקס אוהר אבענד, האב איך געקענט בעמערקען א קליינע אינזעל אונגעפעהר א האלבע מייל ווייט נאך נארד־וועסט.

איך האב געזעגעלט פארווערטס, אונד געאנקערט נעבען דיעזער אינזעל, וועלכע האט אויסגעזעהען אונבעוואהנט. דאן האב איך עפעס געגעסען אונד גע־טרונקען, אונד בין געגאנגען רוהען.

איך האב זעהר גוט געשלאפען, אונד, ווען איך האב קיין טעות ניט, האט דאס געדויערט א זעקס שטונדען צייט, דען מיט א פאאר שטונדען שפעטער נאך מיין ערוואכען, האט שוין אנגעהויבען צו טאגען.

עס איז געוועזען א שעהנע נאכט.

איך האב געגעסען פריהשטיק, איידער דיא זונן איז אויפגעגאנגען, אונד נאכדעם וויא איך האב ארויף געצויגען דעם אנקער, איז אנגעקומען א גוטער ווינט, האב איך אנגעפאנגען צו זעגלען אין דערזעלבער ריכטונג וויא דעם לעטצטען טאג. מיין וועג האב איך געוועהלט לויט נאך דעם: קאמפאס וואס איך האב גע־האט אין קעשענע.

מיין אבזיכט איז געווען צו גרייכען, ווען מעגליך, איינע פון דיעזע אינזלען, וואס איך האב געהאט אורזאכע צו גלויבען, אז זייא געפינען זיך אין דער נארד־אסט זייט פון וואן דיעמען׳ס לאנד.

דעם גאנצען טאג, האב איך קיין זאך ערבליקט, נאר אויף׳ן אנדערן טאג, אונגעפעהר אום דרייא אוהר נאכמיטאג, ווען איך האב אבגערייזט אונגעפעהר 24 מיילען פון בלעפוסקו, האב איך ערבליקט א זעגעל זיך בעוועגענדיג נאך זיד־אסט. איך האב געזעגעלט נאך אסטען.

ווען איך האב מיך דערנעהנטערט צו דער שיף, האב איך געגעבען א סיגנאל, נאר איך האב ניט געקריגען קיין ענטפער. אונטערדעסען האב איך געשפירט, אז איך דערנעהנטער מיך אלץ מעהר צו דער שיף.

איך האב אויסגעצויגען דיא לייגוואנד פון אלע מיינע זעגעל־בוימער אונד זייא שטעלענדיג אקוראט צום ווינט, האב איך אלעם מעגליכע אנגעווענדעט זיא צו דערגרייכען. נאך א האלבע שטונדע צייט, האט זיא מיך ערבליקט; ארויף געצויגען איהר פאהן אונד אבגעפייערט א קאנאן.

עס איז ניט לייכט צו בעשרייבען דיא פרייד וואס איך האב געשפירט, ווען איך האב מיך געזעהען אזוי נאהענט צו מיין אונערווארטעטער האפנונג, ווידער צוריק צו סעהרען אין מיין בעליעבטעס פאטערלאנד אונד זיין נאך אמאל צוזאמען מיט מיין פרוי אונד קינדער.

דיא שיף האט איינגעצויגען איהרע זעגלען, אונד ווען איך בין צוגעקומען נעבען איהר, איז עס שוין געווען צווישען זעקס אונד זיבען אוהר אבענד, אם זעקס־אונד־צוואנציגסטען סעפטעמבער.

איהר קענט זיך גאר קיין בעגריף ניט מאכען וויא מיין הארץ האט אין מיר געטאנצט פאר פרייד נאך זעהענדיג, אז דאס איז איין ענגלישע שיף.

איך האב באלד אריין געלעגט מיינע קיה אונד שאף אין מיין ראק־קעשענע, אונד בין ארויף געקראכען אויף דער שיף, מיטנעהמענדיג מיין ביסעל פראוויאנט וואס איך האב געהאט.

דאס איז געווען איין ענגלישע האנדעלס־שיף, וועלכע האט צוריק געקעהרט פון יאפאן דורך דיא נארד אונד זיד ימים.

דער קאפיטאן, א געוויסער דזשאהן בידדעל, פון דעפטפארד, איז געווען זעהר א ליעבער מענש אונד איין אויסגעצייכענטער זעע־פאהרער.

מיר האבען זיך דאן געפונען אויף׳ן זיד־ים, אונד עס זיינען געווען פופציג מענשען אויף דער שיף. איך האב אויך דארט בעגעגענט מיינעם איין אלטען

קאמעראד, מיט דעם נאמען פעטער וויללιאמס, וועלכער האט מיך גוט רעקאָמענ־דירט צום קאפיטאן.

דער קאפיטאן האט מיך דאן זעהר גוט בעהאנדעלט אונד פערלאנגט איך זאָל איהם דערצעהלען פון וואנען איך קום, אונד וואוהין איך פאָהר.

איך האב איהם מיטגעטהיילט מיין געשיכטע אין קורצע ווערטער, אָבער דער גוטער קאפיטאן האט געמיינט, אז איך רעד פון וועג, אונד דאס דיא געפאהרען אויף'ן ים, וואס איך האב אויסגעשטאנען, האבען געריהרט מיין פערשטאנד.

זעהענדיג דיא אונגלויבליכע מיענע אויף זיין געזיכט, האב איך גלייך ארויס גענומען מיינע בהמות מיט דיא שאָף פון דער קעשענע. דאס האט איהם נאך פיעלער בעוואונדערונג באלד איבערצייגט, אז איך בין ניט משוגע אונד איך זאג דיא ריינע וואהרהייט.

דאן האב איך איהם געצייגט דאס נאָלד וואס דער קייזער פון בלעפוסקו האט מיר געגעבען, וויא אויך דאס בילד פון זיינער מאיעסטעט אין דער לעבענס־גרויס אונד מאנכע אנדערע זעלטענהייטע: פון דיעזען לאנד.

איך האב איהם געגעבען צוויא בייטלען פון צו צוויא הונדערט ס פ ר ו נ ס, אונד איך האב איהם פערשפראָכען, דאס ווען מיר וועלען אָנקומען נאך ענגלאנד, וועל איך איהם פרעזענטירען מיט א קוה אונד א גרויסע שאָף מיט א שעפעלע.

איך וועל ניט בעמיהען דעם לעזער מיט דיא איינצעלהייטען פון דיעזער רייזע, וועלכע איז געוועזן מייסטענטהיילס זעהר א גליקליכע. מיר זיינען אָנגעקומען נאך דאָונז, אם 12־טען אפריל, 1702.

בלויז איין אונגליק האב איך געהאט, אונד דאס איז, וואס דיא מייז אויף דער שיף, האבען בייא מיר אוועק געגנב'עט איינע פון מיינע שאָף. איך האב נאכהער געפונען איהרע ביינער אין א לאָך, וואו דאס גאנצע פלייש איז געוועזן אָבגע־פרעסען.

מיינע איבריגע בהמות האב איך ארונטער גענומען אויף דער יבשה אין זיכערהייט, אונד זייא געלאָזען זיך פאסען אויף א לאָנקע אין גרינוויטש. דאָרט איז דאס גראָז זעהר דין, אונד דאס האט פעראורזאכט וואס זייא האבען זיך גוט געפיטערט, אָבוואָהל איך האב אימער מורא געהאט אז איך וועל פאר זייא ניט קענען געפינען קיין פאסענדע פאשע.

איך וואָלט זייא אויך ניט געקענט אויסהאלטען אזא לאנגע רייזע, ווען דער

קאפיטאן וואָלט מיר ניט געגעבען מאַנכע פון זיינע פיינסטע קוכענס, וועלכע איך האב צוריבען אויף מעהל, אונד דאס אויסמישענדיג מיט וואסער, האט עס געדיענט אלס זייער שפייז.

דיא קורצע צייט וואס איך האב פערבראכט אין ענגלאנד, האב איך פער־דיענט זעהר פיעל געלד דערמיט וואס איך האב געצייגט צו פיעלע גרויסע לייט מיינע בהמות.

איידער איך האב אָנגעפאנגען מיין צווייטע רייזע, האב איך זייא פערקויפט פאר זעקס הונדערט פונט שטערלינג.

זייט דער צייט וואס איך האב לעטצטענס צוריק געקעהרט, זעה איך, אז דער מין האט זיך שטארק פערמעהרט, איבערהויפט דיא שאָף, וועלכע איך האָף, אז זייא וועלען פיעלע נוטצען ברענגען פיר דיא וואָל־פאבריקאנטען דורך דער פיינקייט פון זייערע האאר.

איך בין בלויז פערבליעבען צוויא מאָנאט מיט מיין פרוי אונד פאמיליע, ווייל מיין גרויסע לוסט צו זעהען פרעמדע לענדער, האט מיך ניט געלאָזען רוהען צו הויז.

איך האב געלאָזען פופצעהן הונדערט פונט שטערלינג בייא מיין פרוי אונד זיא אויך איינגעריכטעט אין א גוטער וואָהנונג פון רעדקליף.

מיין איבריגעס פערמעגען, האב איך מיט מיר געפיהרט. דאס איז בעשטאַנען טהיילווייז פון געלד אונד א טהייל אין סחורה. איך האב געהאָפט דאדורך צו פער־גרעסערן מיין פערמעגען.

מיין עלטעסטער אָנקעל דזשאהן, האט מיר צוריק געלאָזען א ירושה אין לאנד נעבען עפפינג, וואס האט איינגעבראכט אונגעפעהר פופציג פונט שטערלינג א יאָהר. איך האב נאך געהאט איין אַנדערעס געשעפט אין פעטער ליין, וואס האט מיר איינגעבראכט אויך אזוי פיעל.

אויף דיעזער ארט, איז קיין געפאהר געווען, אז איך וועל צוריק לאָזען מיין פאמיליע זייא זאָלען חלילה בעדארפען אָנקומען צו פרעמדע אום הילפע.

מיין זוהן דזשאָהני, וועלכער האט אזוי געהייסען נאך מיין אָנקעל, האט דא־מאלס געלערענט אין שולע אונד איז געוועז א גאנץ פלייסיגעס קינד.

מיין טאָכטער בעטטי (וועלכע איז שוין יעטצט פערהייראטהעט צו א וואָהל־האבענדען מאן אונד האט קינדער) איז נאך דאמאלס געוועסען אונד זיך בע־שעפטיגט מיט נעהען פאר'ן הויז.

איך האב מיך געזעגענט מיט מיין פרוי, זוהן אונד טאָכטער; יעדער פון אונז האט געוויינט, אונד איך האב מיך אויפגעזעטצט אויף דער שיף „אדוועגטיור,“ וואס איז געווען א היבשע האנדעלס־שיף, וועלכע האט געריזט נאך סוראט. קאַפּיטאַן דזשאהן ניקאָלאס, פון ליווערפול, איז געווען דער קאָמאַנדאַנט.

אָבער דער בעריכט פון דיעזער רייזע, מוז געלעזען ווערען אין צווייטען טהייל פון מיינע רייזע־בעשרייבונגען.

ענדע.

נאכבעמערקונגען פון דעם איבערזעטצער.

גוליווער׳ס רייזען.

דער לעזער האט דאָ געהאט א בוך צום לעזען אין דער אידישער שפּראַכע, וועלכעס איז ביז יעטצט, שוין איבערזעטצט געוואָרען ניט נאָר אין אלע אייראָפּעאישע שפּראַכען, זאָנדערן אויך אין אראביש, סיריש, טערקיש אונד א פּאאר דיא לעקטען פון אינדיען.

דיא פערפאסונג רופט זיך א טהייל פון „גוליווער׳ס רייזען.“ דאס בוך, הייסט עס, איז געשריעבען געוואָרען פון א מאַן מיט דעם נאמען גוליווער, וועלכער האט זעלבסט דורכגעמאכט דיעזע רייזען.

דיא ערשטע רייזע רופט זיך אין ענגלישען אָריגינאל A Voyage to Liliput (א רייזע נאך ליליפּוט.) ליליפּוט, אייגענטליך, הייסט קליין, אונד, צו דער געגענווערטיגער צייט, איז דיעזער נאמען פיר קליין געוואָרען אזוי פּאָפּולער אין אלע מאָדערנע שפּראכען, דאס דיא קליינע מענשען, קארליקעס אָדער צווערגען, ווערען אָנגערופען ליליפּוטאנער נאך דעם נאמען פון גוליווער׳ס מענשעלעך, וועלכע ער האט בעזוכט.

גוליווער, הייסט עס, האט געמאכט פיער רייזען: דיא ערשטע איז, וויא מיר האבען שוין בעצייכענט, אונד דיא צווייטע רופט זיך A Voyage to Brobdingnag, אָדער „א רייזע צו דיא ריעזען“; דיא דריטע איז, A Voyage to Laputa, Balnibarbi, Luggnagg, Glubbdubdrib, and Japan (א רייזע נאך לאַפּוטא, באלניבארבי, לוגגאנאג, גלובבדובדריב אונד יאפּאן.) בעסער געזאגט, איז דיא דריטע רייזע מעהר בעקאנט אלס דיא „פליהענדע אינזעל.“ דיא פיערטע הייסט A Voyage to the Honyhnhnms (א רייזע צו דיא האָניהנהנמס.) אָדער, אום עס בעסער צו פערשטעהען, הייסט עס, „א רייזע צו דיא פערד וואס לעבען אלס מענשען אונד צו דיא מענשען וואס לעבען נאך ערגער וויא פערד.“

אָט דאס אלעס צוזאמען, בילדעט גוליווער׳ס רייזען אונד איז א בוך וואס ווערט בעטראכט אלס א הויכעס קלאסישעס ווערק, אָהן וועלכען קיין בעדייטענדע ליטעראַטור קען זיך בעגעהען.

דיא ערשטע רייזע, וועלכע מיר רופען אָן „דיא קליינע מענשעלעך,“ האט שוין דער לעזער דורכגעלעזען. עס איז ווירקליך א שעהנע אונד אונטערהאַלטענדע געשיכטע; „אָבער,“ וועט דער לעזער זאגען, „זיא איז גוט פאר קליינע קינדער, ניט פאר גרויסע מענשען מיט א געזונדען פערשטאנד.“

אָט דאָ טאקי ליעגט דיא חכמה! זיא איז גוט פאר קליינע קינדער אונד פאר קליינע מוחות וואס פערשטעהען ניט פיעל, אָבער זיא איז נאָך פיעל בעססער פאר גרויסע אונד ערוואקסענע מענשען, וועלכע געפינען דאָרט א וועלט מיט אידעען, קריטיק, איבערזיכט אונד מענשליכע שוועכען. מען מוז שטודירען ניט נאָר יעדע שורה, זאָנדערן יעדעס וואָרט שפּיעלט א ראָלע, אונד א בוך וואס דיא אלגעמיינע קריטישע וועלט האט דאס געשטעמפּעלט מיט׳ן זיעגעל אלס קלאס־סיקער, איז דאס ווערטה צו פערטרעטען דעם פּלאַטץ פון ניטצליכער ליטע־ראטור.

גוליווער׳ס רייזען געפינען זיך אין דער ענגלישער שפּראכע אין אונצעהליגע אויסגאבען. מאנכע האבען זעהר לאנגע פּירושים דארויף, געשריעבען פון היסטאָ־ריקער, דענקער אונד פילאָזאָפען.

אין פראנצויזיש געפינען זיך ניט וועניגער אלס 20 איבערזעטצונגען מיט פּירושים. אין דייטש געפינען זיך אויך עטליכע איבערזעטצונגען.

אונזער אידישע שפּראכע האט לעטצענס אריין געקריעגען זעהר ניטצליכע ווערקע, אונד עס איז צו האָפען, אז גוליווער׳ס רייזען וועלען ניט זיין צו פריה אריין געבראכט אין אונזער ליטעראַטור, אונד דאס אידישע פּובליקום איז שוין גענוג פאָרטגעשריטען אום אויך אזעלכע ווערקע צו פערדייען.

ווער איז געווען גוליווער?

דיא פראגע איז יעטצט: האט דער רייזענדער, אָדער דער שרייבער פון דיעזע רייזען, ווירקליך געהייסען גוליווער?

מיט אונגעפעהר א פּאאר הונדערט יאָהר צוריק, ווען דיעזעס ווערק איז צום ערשטען מאל ערשיענען אין דער ענגלישער שפּראכע, האט עס געטראגען פאָלגענדען טיטעל פון דעם פערפאסער:

Lemuel Gulliver,
First a Surgeon and than a
Capitan on Several Ships.

(לעמועל גוליווער, פריהער א דאָקטאָר אונד דאַן א קאַפּיטאַן אויף עטליבע שיפען.)

יא, דאַמאַלס האבען ווירקליך פיעלע געגלויבט, אז דער נאמען פון דעם פערפאַסער, איז טאַקי גוליווער, נאָר דיא ליטעראַרישע וועלט האט דאָ דערקענט א בריליאַנטענע פעדער פון א טיכטיגען שרייבער, וועלבער וויל זיין נאמען ניט ארויס ווייזען דורך געוויסע פּאָליטישע אורזאַכען.

דיא נאהענטע בעקאַנטע פון דעם פערפאַסער, האבען גאַנץ גוט געוואוסט ווער דער שרייבער איז, אָבער זייא האבען דאס געהאלטען בסוד הסודות, דען זאָנסט וואָלט מען איהם פערשיקט.

שפּעטער האט מען ערפאהרען, אז דער פערפאַסער איז געווען דער בעריהמטער גייסטליבער יאָנאַטהאַן סוויפט.

יאָנאַטהאַן סוויפט איז געבוירען געוואָרען אם 30־טען נאָוועמבער 1667 אין דובלין, אירלאַנד. זיין פאטער איז געשטאָרבען, ווערענד זיין מוטער האט נאָך מיט איהם געשוואַנגערט.

ער האט גענאָסען א גוטע ערציהונג אונד איז געווען א גרויסער געבילדעטער מענש אין זיין צייט. שפּעטער האט ער זיך אויף זעהר פיעל בעטהיילינט אין דער ענגלישער פּאָליטיק, אונד זיינע ווערקע זיינען א רעזולטאט פון יענע אונרוהיגע פּאָליטישע צייטען.

אונטער דיא פיער רייזע־בעשרייבונגען וואס מיר האבען פריהער אויסגערעבענט, ווערען בעטראַבטעט זיינע ערשטע צווייא אלס דיא בעסטע; דאס הייסט, פריהער „דיא קליינע מענשעלעך“, אונד דאַן „דיא ריעזען“ אָדער „דיא רייזע נאָך בראָבדינגנאַג.“

„דיא ריעזען“ וועט באלד ערשיינען פון דרוק נאָך „דיא קליינע מענשעלעך,“ אונד, מיר האָפּען, אז דיעזע צווייא ווערקע וועלען מאַבען זעהר גוטע ווירקונג אויף'ן אידישען פּובליקום, אונד זייער קלאַססישער ווערטה וועט אקצעפּטירט ווערען וויא עס פּאַסט פיר פערנינפטיגע מענשען.

דיא אידעע פון אַנדערע וועלטען.

אַבוּואַל יאָנאַטהאַן סוויפט, דער פערפאַסער פון גוליווער׳ס רייזען, האט גע־לעבט אין א צייט, ווען דיא אסטראָנאָמישע וויסענשאַפט האט נאך ניט גהאט ערררייכט דיא יעטצטיגע שטופע, דעננאך שיינט עס, אז ער האט שוין מיט זיין שאַרפזיניגען מח בעגריפען דאס, וואס דיא גרויסע געלעהרטע דערצעהלען אונז יעטצט.

דיא אסטראָנאָמישע וויסענשאַפט אונד גוליווער׳ס רייזען, אויסער זייער פּאָ־ליטישען ציעל, האבען א גרויסען שייכות מיט אנאנדער. דיא אסטראָנאָמיע איז ווירקליך זעהר אַלט; ניט נאָר דיא אשורים, בבלים, פרסים אונד עגיפטער האבען שוין געוואוסט, אז עס זיינען פערהאנדען שטערען גרעסער וויא אונזערע גאנצע ערד איז, זאָנדערן אויך דיא גאנץ אַלטע אינדיער אונד אַלטע כינעזער האבען דערפון גשפּראָכען.

אָבער דיא אסטראָנאָמיע, וויא עס שיינט, איז נאך געווען אין דיא וויקעלעך ביז מיט א פּאאר הונדערט יאָהר צוריק, אונד מענשען האבען איבער איהר מעהר גע־טרוימט וויא געוואוסט.

מען האט זיך משער געווען מיט זאַ־גענאַנטע וויסענשאַפטליכע סברות, אז דיא שטערען זיינען גרויסע אונד אונגעהייערע קערפּערס, נאָר גענויעס האט מען דאריעבער ניט געקענט וויסען.

ערשט אין סוויפט׳ס צייטען, האט מען אָנגעפאַנגען עפּעס פּאָזיטיוועס צו בע־גרייפען, אז אונזער ערד איז נאָר א שוואַבער פונקט אין דער אייביגער אונענדליכ־קייט. נאָר דיעזע בעהויפּטונגען האבען נאך געהאט זעהר ווענייג אנהענגער, אונד זייא זיינען געלעגען אויסשליעסליך אין דיא הענד פון געצעהלטע וויסענשאַפטליכע מענער.

נאך מעהר, עס איז אפילו שווער געווען צו פערברייטען דיא אידעע, אז דיא ערד איז א קוגעל, אונד איז ניט פּלאך וויא א טיש. דיא מענשהייט האט זיך דאמאלס פיעל מעהר בעשעפטיגט מיט רעליגיעזע צערעמאָניען אַלס מיט פּאָזיטיווער וויסענשאַפט.

דאס גרעסטע וואונדער איז, וואס סוויפט, וועלכער איז זעלבסט געווען א גייסטליכער, האט אקצעפּטירט בעסער דיא וויסענשאַפטליכע טהעאָריען, אַלס צו פּראָפּאגאנדירען דיא אידעע, אז דיא ערד שטעהט אונד דיא זונן דרעהט זיך אַרום איהר, וויא מייסטענס גייסטליכע האבען עס פערלאַנגט.

עס ווייזט זיך ארויס, פון כוויפט'ס שריפטען, אז ער איז געווען פאָלקאָמען איינפערשטאַנען מיט דיא אסטראָנאָמען, דאס דיא ערד איז א קוגעל, אונד דערצו, איין אונבעדייטענדער קוגעל געגען דער מעכטיגער זונן ארום וועלכער זיא דרעהט זיך. ער האט אויך געוואוסט, אז עס געבען אויך אנדערע שטערען וואס דרעהען זיך ארום דער זונן, אונד מאַנכע פון זייא, זיינען פיעל גרעסער וויא אונזער ערד.

נאך אלע וואהרשיינליכקייטען, איז סוויפט, טראָטץ זיינע בעשעפטיגונגען אלס גייסטליכער, אויך געווען א געלערנטער מענש, אונד אויסער זיין טיכטיגען אנטהייל אין פאָליטיק, האט ער געהאט א גוטע בעקנטשאפט מיט דער עקזיסטירענדער וויסענשאפט פון זיין צייט.

דאס וואונדערבארע אָבער אין זיינע שריפטען, זעהען מיר ארויס פון זיין פאַנטאַזיע איבער נאך אנדערע וועלטען.

צום ביישפיעל, זיין בעגריף איבער מענשעלעך וויא אין ליליפוט לאַנד אונד זיין אויפפאסונג איבער מענשען צוואנציג מאל, אָדער נאך מעהר, אזוי גרויס וויא מיר זיינען, צייגט א ווייטערן בעגריף אין דער אסטראָנאָמישער וויסענשאפט.

דיא מאָדערנע אסטראָנאָמען דערצעהלען אונז אונד בעווייזען, אז ארום דער זונן וואנדערן אכט גרויסע שטערען אָדער וועלטען. דער ערשטער איז מערקור, וועלכער איז קלענער וויא א פערטעל פון אונזער ערד; דער צווייטער איז ווענוס, באַלד אזוי גרויס וויא אונזער ערד; דאן קומט אונזער ערד; נאכדעם מארס, עטוואס איבער א העלפט אזוי גרויס וויא אונזער ערד; יופיטער, איבער טויזענד מאל אזוי גרויס וויא דיא ערד; דא סאַטורן, אוראַנוס אונד נעפטון.

אום זיך ניט אריין צו לאָזען אין צו ווייטע אסטראָנאָמישע ויכוחים, ווילען מיר נאָר דאָ דערמאָהנען וואס דיא אסטראָנאָמען זאגען איבער מארס'ן.

דיעזער שטערען מארס, וועלכער איז מעהר וויא א העלפט אזוי גרויס וויא אונזער ערד, האט גראַדע אזא לופט־דעק ארום זיך וויא דיא ערד האט. מיר זעהען גאַנץ גוט מיט דיא שפּאַקטיוון א נאָרד־פאָל מיט א זיד־פאָל, וועלכע ווערען שטארק בעדעקט מיט שנעע אין דיא ווינטער־צייטען, אונד דאן, ווען דער זומער קומט דאָרט, שמעלצען זייא זיך. אָבער דאס איז נאך ווייניג; מיר בעמערקען ימים, אונד, דערצו, אזעלכע רעגעלמעסיגע קאנאלען, וועלכע איבערצייגען אונז, אז זייא זיינען ניט געמאַכט פון קיין נאַטור־צופאל, זאָנדערן פערנונפט האט זייא געפּלאַנט אונד דורכגעפיהרט.

עס איז אמת, מיר האבען נאך ניט אזעלכע שפּאַקטיוון אום צו קענען זעהען

אויפ'ן מארס דיא לעבעדיגע ברואים, אָבער מיר קענען אָננעהמען, מיט פיעל אָדער וועניגער זיכערהייט, אז דאָרט זיינען ווירקליך דאָ ברואים.

אונד ווארום זאָל מארס ניט האבען קיין לעבעדיגע ברואים וויא עס געפינען זיך אויף דער ערד? אלע צושטענדען דייטען דארויף, אז ברואים מוזען דאָרט זיין. עס איז יעטצט ניט דיא פראגע וויא דיא ברואים זעהען אויס, אויב זייא זיינען אין דער פאָרמע פון מענשען וויא אויף דער ערד, אָדער זייא זיינען גרויסע פלעדער־מייז. דיא הויפּטזאך איז, אז מארס האט לעבעדיגע בעשעפּעניששען, אונד, עס איז מעגליך, אז זייא זיינען נאך קליגער אלס מיר, אונד שטעהען פיעל ווייטער פאָרטגעשריטען אין דער ערפאהרונג פון נאטורס געהיימניסע אלס מיר ערד־בעוואָהנער.

דיא אסטראָנאָמען געבען אָן גענוג אורזאכען ווארום זייא קענען זיין קליגער אונד פאָרטגעשריטענער וויא מיר זיינען.

יעטצט לאָמיר אָננעהמען, אז מארס האט מענשען אין דער פאָרמע וויא מיר זיינען. מארס איז אָבער בעדייטענד קלענער, אונד, לויט דער קליינהייט פון זיין קערפּער, דארף ער פּראָדוצירען קלענערע ברואים; דיא דאָרטיגע מענשען אלזאָ, זיינען בעדייטענד קלענער וויא מיר זיינען.

יופּיטער וויעדער, וועלכער איז דער גרעסטער שטערען אין זונען־סיסטעם, אונד איז איבער טויזענד מאל גרעסער וויא אונזער ערד, דארף אלזאָ האבען, (ווען ער האט נאָר) אונגעהייערע גרויסע מענשען אויף זיך.

דיא וואהרהייט איז, אז דאס איז א וויסענשאפטליכע פלוידערייא. דיא ריינע אונד בעשטימטע וויסענשאפט, לאָזט ניט צו אזעלכע אונבעשטימטהייטען. אָבער, וויא דיא זאך איז, האט אזא פלוידערייא ארויס גערופען א לעבהאפטע אינטערעסע אין דער וועלט, אונד, אין דער לעטצטער צייט, זיינען אָנגעשריעבען געוואָרען היבשע עטליכע ביכער דאריבער.

ווען סוויפט האט געלעבט, האט דיעזע וויסענשאפטליכע פלוידערייא נאך ניט געהאט אזא בעשטימטען כאראקטער וויא יעטצט, אונד 99 פּראָצענט דער מענשהייט האט בעטראכטעט דיעזע ערד אלס דעם אלסדינג אין דער וועלט. זאָגאר דעם גיהנום האט מען ניט אוועק געשטעלט ווייטער וויא אין א גרוב פון ערגיץ א מדבר, וואו דער שטן מיט זיינע מחבלים שטעהען אונד הייצען איין אויוון פאר דיא רשעים, וועלכער ברענט טאָג אונד נאכט.

עטוואס העכער פון דער ערד, האט מען נאָר בעעהרט גאָט מיט זיינע מלאכים. אפילו ווענען דעם גן־עדן איז געווען א גרויסער קלקול; מאנכע רעליגיעזע פאָר־שטעהער האבען געוואָלט דער גן־עדן זאָל זיין אין הימעל, אָבער פיעלע אנדערע

האבען געזאגט, אז דער גן־עדן איז אלץ דאָ אויף דער ערד, ערגעץ־וואו אין אזיען, וואו אָדם הראשון אונד חוה, האבען צום ערשטען מאל געמאכט בעקאנטשאפט מיט׳ן נחש־הקדמוני, אונד יעטצט שטעהען דאָרט מלאכים מיט דעם להט־החרב־המתהפכת, אונד פערהיטען, אז אונגעוואָרטע געסט זאָלען אהין ניט אריין קומען.

עס איז אלזאָ ארויס צו זעהען, אז דיא מענשען האבען זיך ניט געקענט אָב־געוועהנען פון דער בעהויפּטונג, דאס דיעזע ערד איז דער עולם ומלואה, אונד העכער פון דיעזער ערד, עקזיסטירט אלעס נאָר פיר אונז יחסנים, מענשען; וויא דיא ביבעל זאגט קורץ: „דיא זונן דאַרף לייכטען בייא טאָג אונד דיא לבנה מיט דיא שטערען בייא נאַכט" — בלויז צוליעב דעם מענשען.

סוויפט איז געווען א פּראָדוקט פון יענער מענשהייט, וועלכער האט זאָגאר מיט דער פאנטאזיע מורא געהאט צו פערלאָזען דיעזע ערד. ער האט געוואוסט, אז עס זיינען דאָ נאך אנדערע וועלטען, נאָר, ווען ער איז געגאנגען זוכען זיינע קליינע מענשעלעך אונד ריעזען, האט ער דיא ערשטע געטראָפען אין דיא וועסט אינדיעס, אונגעפעהר צווישען קובאַ אונד פּאָרטאָ ריקאָ, אונד דיא אנדערע אין דער נאכבאר־שאַפט פון דער אינזעל מאדאגאסקאר, וועלכע איז יעטצט בעהערשט פון פראנקרייך.

צו דער געגענווערטיגער צייט פון באהנען, טעלעגראפען אונד טעלעפאָנען, אונד איבערהויפּט, פון שנעל־דאמפּפער, איז פאר דעם אייראָפּעער דיא געגאנטע געגענדען א „שפּאן וועג," וועהרענד אין סוויפט׳ס צייטען, איז דאס געווען, וויא מען זאגט בייא אונז אידען „נאך ווייטער פון יענער זייט סמבטיון."

א מאָדערנער שרייבער וואָלט זיך בעסער געוועהלט פיר זיין פאנטאזיע דיא ווייטע הימלישע קערפּערס אונד ער וואָלט דאָרט געפונען זיינע געווינשטע ברואים, אום דורכצופיהרען זיין אויפגאבע. פיעלע האבען עס שוין אויך געטהאָן. סוויפט אָבער, האט זיך ניט געקענט פאָרשטעלען וויא אזוי ער קען ארונטער נעהמען זיין העלד גוליווער פון דער ערד אונד איהם אוועק טראגען אין דער אונענדליכקייט.

זיין פּאָליטישער צוועק.

סוויפט, אָבוואָהל א גייסטליכער אונד געלעהרטער, איז ער אויך געווען א וועלטס־מענש.

זיין ביאָגראפיע איז פול מיט אזעלכע ראָמאנטישע עראייגניסע, וועלכע קענען אָנפיללען גאנצע ביכער מיט אינטערעסאנטע מענשליכע שוועכען אונד זשעניאַלען שאַרפזינן.

אויב דאס איז אמת, אז יעדער זשעניע האט אויך פיעלע שוועכען, דאן האט עס סוויפט'ן ניט געפעהלט אין קיין שוועכען.

יאָנאטהאן סוויפט איז געבוירען געוואָרען נאכדעם וויא זיין פאטער איז געשטאָרבען; זיין ערשטע ערציהונג האט ער גענאָסען בייא זיין אמע, וועלבע איז מיט איהם ענטלאָפען נאך ענגלאנד. נאכדעם איז ער צוריק געבראכט געוואָרען נאך אירלאנד, וואו ער האט דורכגעמאכט דיא רענעלמעסיגע שולע פון יענער צייט, אָבער ער האט זיך אין דיא שולען ניט אויסגעצייכענט; אין גענענטהייל, ער האט געהאט א נאמען אלס א סטודענט וואס האט ניט געשטודירט קיין איינציגען געגענשטאנד וואס דיא פראָפעסאָרען האבען אונטערריכטעט.

דאגעגען אָבער, האט זיך סוויפט אויסגעצייכענט אלס איינער פון דיא ווילדעסטע סטודענטען, אונד זיינע שפיטצלעך זיינען געווען בעריהמט.

נאכדעם וויא ער האט געקריגען א טיטעל — וואס איז איהם אָנגעקומען מיט גרויסע צרות — איז ער געוואָרען סעקרעטער בייא דעם דאמאליגען ענגלישען דיפלאָמאט אונד פאָליטיקער סיר וויליאם טעמפעל, וואו ער האט געמאכט א טיכטיגע בעקאנטשאפט מיט דער עקזיסטירענדער איירא‏פעאישער פאָליטיק בכלל, אונד מיט דיעזער פון ענגלאנד בפרט.

מיט א פאאר יאָהר שפעטער האט ער פערלאָזען דיעזע בעשעפטיגונג אונד צוריק געקעהרט נאך אירלאנד וואו ער איז געוואָרען א גייסטליכער אויף דער רעקאָמענדאציאָן פון זיינע פאָליטישע פריינדע.

זיין קאריערע אלס גייסטליכער, איז געווען מערקווירדיג דערפאר, וויל ער האט איבעראל געשפיעלט א דאָפעלעס לעבען. ער איז פערבליעבען א פאָליטיקער, אונד, פרעדיגענדיג אין דיא קירכען דיא קריסטליכע מאָראל, האט ער דערוויל געשפיעלט א האלב טוצען ליעבעס מיט ווייבער עס האט זיך געמאכט אונד מיט וועמען ער האט געקענט.

איינע פון דיעזע ליעבעס איז געשפיעלט געוואָרען מיט א געוויסע פרייליין סטעללא, א בעריהמטע שעהנהייט אונד זעהר א געבילדעטע. דיעזע ליעבע איז געשפיעלט געוואָרען אין געהיים יאָהרען־לאנג, מיט דעם וויסען פון דיא העכסטע גייסטליכע, סוויפט'ס פריינדע, אונד האט זיך געענדיגט דערמיט וואס זייא האבען ביידע חתונה געהאט.

אָבער מיט א קורצער צייט נאך דער חתונה, האבען זייא אויפגעהערט צו לעבען מיט אנאנדער, אונד סוויפט האט פערבראכט זיין צייט מיט אנדערע פרויענצימער. נאָר זייט יענער צייט איז ער געווען איין אנדערער מענש אונד זיך געשפירט

ועהר אונגליקליך. מען בעהויפטעט, אז דיא אורזאכע דערפון איז, וואס ער האט ערפאהרען, אז ער זעלבסט איז דער זוהן פון סיר ווילליאם טעמפעל, אונד סטעללא, זיין פרוי, איז סיר ווילליאם טעמפעל׳ס א טאָכטער.

אום זיין שמערץ צו אונטערדריקען, האט ער זיך נאך אמאל געשטירצט אין דער ענגלישער פּאָליטיק, וועלכע האט דאמאלס געבילדעט צווייא פּארטייען, דיא וויגז אונד דיא טאָריס. סוויפט איז געווען א טאָרי אונד אין קעניגין אננא׳ס צייטען וויא אויך אין א היבשער רעגיערונגס־צייט פון קעניג געאָרג I, האט ער געהאט א גרויסען איינפלוס אין דיא פּאָליטישע אנגעלעגענהייטען פון ענג־לאנד.

גוליווער׳ס רייזען, ווען מען שטודירט זייא נאָר מיט א קריטיישעס אויג, בע־מערקט מען זאָפאָרט כמעט א פּאָלשטענדיגעס בילד פון דעם דאמאליגען ענגלישען הויף, אונד מען קען אויך לייכט צופאסען דיא נעמען פון דיא מיניסטאָרען (איבער־הויפט אין דיא „קליינע מענשעלעך,״) צו דיא מיניסטאָרען פון קעניגין אננא׳ס צייטען אונד אויך פון איהר נאכפאָלגער געאָרג I.

דאס איז געווען זיין פּאָליטישער צוועק, צו טרעפען זיינע שונאים, אָדער דיעזע, וועלכע ער האט גערעכענט אלס צו דום אום דיא מאכט פון רעגיערונג זאָל זיין אין זייערע הענד.

אונד דער זעלטענער סוויפט, איז זאָנסט אויך געווען א גרויסער מענשען־קענער, אונד אין זיינע פאנטאזיע־רייזען, וואו ער שילדערט דאכט זיך פּערזאָנען, וועלכע עקזיסטירען גאר ניט, געפינען מיר פיעל מעהר נאטירליכקייט, וויא אין מאנכע מאָדערנע „רעאליסטישע״ שרייבער.

ע נ ד ע.

אלענדארפ׳ס מעטהאָדע

פון אלכסנדר הארקאווי

איז א ניצליכער בוך גרינדליך אויסצולערנען די ענגלישע שפראַכע.

א בוך פון 600 זייטען.

זיין ריכטיגער פרייז אין אלע שפראַכען איז 3 דאלאר,

אין אידיש — נור 2.00 $

אַלענדאָרפ׳ס מעטהאָדע איז אַנערקענט אין דער גאַנצער וועלט פיר דיא בעסטע, ווייל דיא פּראַקטיק האָט בעוויזען, דאָס זיא איז זעהר לייכט און גוט פיר יעדען וואָס וויל זיך אויסלערנען דיא ענגלישע שפּראַך אָהן אַ לעהרער.

אלענדארפ׳ס מעטהאדע

איז אויף אַזאַ ארט, דאָס דיא שפּראַך איז איינגעטהיילט אין לעקציאָנען, אין יעדער לעקציאָן קומען פאַר ווערטער, געשפּרעך און גראַמאַטישע רעגעלען.

פאַר דיא לעקציאָנען קומט אַ בעזונדערע אַבטהיילונג צו לערנען זיך לעזען און ספּעלען. אום די ווערטער און גראַמאַטישע רעגעלן זאָלען מעהר פערשטאַרקט ווערען אין דיא געדאַנקען, ווערען אַם ענדע פון יעדען לעקציאָן געגעבען שטיקער לעזע־שטאָף צום איבערזעטצען. דיא זעטצע פון דיא שטיקער לעזע־שטאָף, זיינען צוזאַמענגעשטעלט פון דיא ווערטער, וואָס זיינען פריהער פאָרגעקומען. דער לערנער וועט זיי קענען איבערזעטצען. יעדע שטיק לעזע־שטאָף טראָגט אַ נומער.

צום לעהר־בוך קומט אַ בעזונדער בוך, אַ שליסעל, וואָס ענטהאַלט דיא ריכטיגע איבערזעטצונג פון יעדען זאַץ. די איבערזעטצונגען זיינען בעצייכענט מיט די יעלבע נומערן וויא די שטיקער לעזע־שטאָף בייא דיא לעקציאָנען; דער שיללער קען אלזאָ מיט׳ן שליסעל אַבשטימען אויב זיין איבערזעצונג איז ריכטיג אָדער ניט.

אלענדארפ׳ס מעטהאדע איז איינגעטהיילט אין

78 לעקציאָנען.

דיא אַבטהיילונג צו לערנען זיך לעזען, איז זעהר פּראַקטיש. דיא רעגעלן ווערען ערקלעהרט איינפאַך און דייטליך. אין דיא לעקציאָנען ווערט געגעבען דיא אויס־שפּראַכע פון יעדען ענגליש וואָרט מיט אידישע בוכשטאַבן.

דאָס בוך ענטהאלט איבער 600 זייטען אין גרויסען פאָרמאַט און עלעגאַנט געבונדען.

פּרייז 2'00 דאלאר.

צו בעקומען בייא אלע בוכהענדלער, וויא אויך בייא דיא

Hebrew Publishing Co., 50-52 Eldridge St. New York.

מיין אידיש בוך

אַן אילוסטרירטער לערבוך פאַר קינדער
צו לערנען לעזן און שרייבן אידיש

פון יצחק קאצענעלזאָן

דיזער לערבוך לערנט שרייבן און לעזן אידיש אויף א גאַנץ נייעם סיסטעם.

מיט דיזן לערבוך איז גאַנץ לייכט אויסצולערנען אַמעריקאַנער אידישע קינדער די אידישע שפראַך אין אַ גאַנץ קורצער צייט.

יעדער לערער פון אידיש, וואָס וועט זיך באַנוצן מיט דיזן לערבוך, וועט זיך גלייך איבערצייגן, אַז דיזער לערבוך איז דער איינציגער, וואָס איז ריכטיק צוגעפּאסט פאר אמעריקאנער אידישע קינדער.

אַלע דערציילונגען און לידלאַך אין דיזן לערבוך זיינען פון קינדערשן לעבן און לעבנס-פרייד, און זיינען אָריגינאַל פאַרפאַסט פון מחבר.

דיזער לערבוך איז אַרויסגעגעבן אין 2 טיילען

פרייז פון 1טען טייל — 30 סענט

פרייז פון 2טען טייל — 35 סענט

Hebrew Publishing Co.

50-52 Eldridge St., New York City

די בערימטע ווערק פון דעם אלט-נייעם אידישען קלאסיקער
דער ריז פון דער אידישער ליטעראַטור

ש. י. אבראַמאָוויטש

באַוואוסט אלס

מענדעלע מוכר ספרים

אין א גאַנץ נייער פּראַכט אויסגאַבע, עלעגאַנט געבונדען אין 10 בענדער

די אידישע ליטעראַטור האָט פּראָדוצירט פיעלע גרויסע שרייבער אָבער מענדעלע פאַרנעהמט דעם אויבען אָן מיט זיין אָרגינאַליטעט, ער איז געווען דער ערשטער, דער פאָטער פון אידישע קלאַסיקער פון וועמען עס האָבען געשעפּפט און וועלען שעפּפען די אַלע נאָכקומענדע אידישע שרייבער און דיכטער. ער איז געווען דער לייכטענדער שטערען וועלכער האָט מיט זיין שאַרפע, אייגענאַרטיגע, הומאָריסטישע קריטיק באַלויכטען און אויפגעקלערט די אידישע פאָלקס מאַססען ארונטער צו וואַרפען פון זיך דעם יאָך פון זייערע אייגענע אונטערדריקער, — וועלכע האָבען גערייטען אויפ׳ן אידישען פאָלק, און מיט זיין שאַרפע פעדער ארונטער געריסען די מאַסקע פון די אידישע כלל טהוער און בעלי טובות, וואָס האָבען געשונדען די הויט פון דעם אָרימען פאָלק ישראל, און געמאַכט זיין לעבען אין ליטאָ און פוילען א גלות אין א גלות.

א פאָלשטענדיגע אויסגאַבע פון מענדעלע מוכר ספרים, געדרוקט אויף פיינע בוך-פּאַפּיר, און אַרטיסטיש געבונדען אין 10 בענדער, איז יעצט ערשינען וועלכעס איז א צירונג פאַר יעדע אידישע הויז אָדער לייברערי.

אום צו געבען די מעגליכקייט יעדען איינעם זיך איינצושאַפען דיזען אוצר פון ליטעראַרישע פּעריל אין זיין הויז, האָבען מיר געשטעלט דעם פּרייז פון מענדעלעס ווערק אין 10 בענדער פאַר

בלויז 15 דאָללאַר א סעט

צו באַקומען ביי אַלע בוכהענדלער, ווי אויך ביי

Hebrew Publishing Company

50-52 Eldridge Street **New York**

נייע העברעאישע מעטאדען

פון מ. מאנאסאוויץ

(המחבר של „מראה עינים", „הדקדוק המעשי", „החבר הטוב" ועוד).

בשביל הילדים

א מעטהאָדע פאר אנפאנגער צו לערנען העברעאיש על פי שיטת עברית בעברית, דורך די הילף פון בילדער, מיט קליינע ערצעהלונגען און געשפרעכען פון דער קינדער-וועלט, אין א לייכטע העברעאישע שפראך.

פרייז 50 סענט.

דרך למתחילים. מדרגה א'

א מעטהאָדע צו לערנען העברעאיש „בשיטת ההעתקה" מיט איבער-זעצונג אין ענגליש. עס איז איינגעאָרדענט אויף אזא אופן דאס עס פאר-בערייטעט די תלמידים נאכדעם צו לערנען בשיטת עברית בעברית. ענטהאלט געשפרעכען פון אלטעגליכען לעבען, ספורים, שירים, חנוכי-דקדוק א. ז. וו. דער תלמיד דארף בלויז אויסלערנען די איינציגע ווערטער, מיט דער ענגלישער איבערזעצונג וואס קומען פאר פאר יעדער לעקציאָן, און נאכדעם וועט ער שוין אליין קענען לערנען און פארשטעהן דעם גאנצען לעקציאָן וואס קומט נאכדעם.

פרייז 50 סענט.

דרך למתחילים הנ"ל, מדרגה ב'

פרייז 65 סענט.

חריסטומתיה ביבלית, מדרגה א'

א מעטהאָדע צו לערנען די העברעאישע שפראך צוזאמען מיט דער ביבלישער היסטאָריע, בשיטת עברית בעברית ווי אויך בשיטת ההעתקה, די „חריסטומתיה ביבלית" צייכענט זיך אויס פון אלע ביזהעריגע מעטהאָדען פון דיזען זאָרט, מיט דעם וואס עס גיט דעם לעהרער די מעגליכקייט זיך צו באנוצען מיט דער ביבלישער שפראך אויף א זעהר לייכטען אופן, און עס גיט אויך די מעגליכקייט די תלמידים צו באקומען א ידיעה אין תנ"ך און אין דער שפראכע אין א גאנץ קורצע צייט.

פרייז 75 סענט.

חריסטומתיה ביבלית הנ"ל, מדרגה ב'

פרייז 90 סענט.

HEBREW PUBLISHING CO., 50-52 ELDRIDGE ST., NEW YORK.